# קול לובלין

מס׳ 3 • תל-אביב
כסלו תש״ל

# לובלינער שטימע

נומ׳ 3 • תל-אביב
נאָוועמבער 1969




מצבת זכרון לקדושי לובלין שהוקמה במונטריאל (קנדה) במאי 1965

מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין, אויפגעשטעלט אין מאָנ־טרעאָל (קאַנאַדע), מאַי 1965

teatrnn.pl

# הארגון הלובלינאי בישראל –
## משימות, הישגים ו...אכזבות

(דין־וחשבון על פעולות ועד ארגון יוצאי לובלין בישראל, בתקופת נובמבר 1966 — אוקטובר 1969)

**דוד שטוקפיש**, יו"ר הארגון

לפני כשלוש שנים, בערב האזכרה השנתית לקדושי לובלין, נבחר הועד הנוכחי — והוא הציב לעצמו מספר תכניות ומשימות.

- קיום אזכרה וטכס־התיחדות שנתיים ליהדות לובלין המושמדת.
- אימוץ קהילת לובלין ע"י בתי־ספר בארץ.
- חידוש הקשרים עם ה„לאנדסמאנשאפטים" בתפוצות.
- חגיגת יום העצמאות של מדינת ישראל במסגרת הארגון.
- המשך מפעל ההנצחה.
- הקמת קופת גמילות חסדים ע"ש קדושי לובלין.
- עזרה הדדית וקליטת עולים.
- עידכון כתובותיהם של בני עירנו בארץ.
- מפגשים חברתיים ופעולות תרבותיות.

להלן — דיווח, סיכום והמסקנות על פעולות הועד:

### האזכרה השנתית

אנו עדים בשנים האחרונות, להפחתת מספר המשתתפים בערבי ההתיחדות עם זכר קדושי עירנו. עשרות, ואולי מאות לובלינאים מתחמקים מלבוא לאזכרה השנתית לאמירת „קדיש" בציבור לזכר הנשמות הטהורות של יקירנו. מספר הלובלינאים בישראל מגיע, לפי הערכתנו, ליותר מאלף, אך באזכרה האחרונה השתתפו כ־450 איש בלבד.

באזכרה זו חרגנו מן השיגרה: הנואם המרכזי היה השר משה קול; הופיעו תלמידי בית־הספר החיפני, שאימץ את קהילת לובלין — „דרור"; נערכה קבלת־פנים לעולים החדשים בני עירנו. יש לציין את הופעתם של שלושת נציגיהם שהגיעו מפולין, למפגש זה בארץ (לנקייביץ־הרץ, לובלסקי וסלושני).

יש בדעתנו לשמור על מסורת טכסי ההתיחדות והאזכרות מדי חודש נובמבר, ביום השנה להשמדת יהדות לובלין ע"י הרוצחים הנאצים ועוזריהם. כמובן, נשתדל לגוון את התוכנית ולהעביר לתודעת ילדינו את האזכרות האלה ומשמעותן.

### אימוץ ע"י בתי־ספר

הודות למורה בת עירנו, הגב' נצר וביוזמתה, אימץ בית־הספר „דרור" בקרית אליעזר (חיפה) את קהילת לובלין. תלמידי הכיתות העליונות האזינו לפני כשנה וחצי להרצאת מזכירנו, הח' מתתיהו הורן, על לובלין. הופעת שלוש התלמידות באזכרה של שנת 1968 היתה מרנינה ומרשימה מאד.

כמו כן, פנינו להנהלת בית־הספר ברמת־השרון בבקשת אימוץ — וקבלנו תשובה חיובית.

### קשרים עם ה„לאנדסמאנשאפטים"

הועד שאף והתאמץ לקשור קשר איתן והדוק עם הארגונים הלובלינאים בחו"ל. בשטח זה השגנו, אמנם, כמה השגים נכבדים, אך לא חסרו גם כשלונות.

בצרפת, בה קיימים שלושה ארגוני לובלינאים, הצלחנו ליצור קשר אמיץ רק עם ארגון אחד, בראשותם של שמואל שפירא, גיטל'ה שילדקרויט־אדלשטיין, אלתר זאוברמן ואחרים. ניהלנו חליפת מכתבים ערה, נפגשנו בארץ פעמים אחדות עם החברים הללו ועם מרדכי לרמן. על אף הקשיים השונים שנערמו בדרכם, הרים ועד צרפתי זה תרומה נכבדה לעזרת העולים החדשים. שני הארגונים האחרים (אחד בהשפעה קומוניסטית, והשני נקרא „ותיקים") לא נענו לפניתנו לשיתוף פעולה.

באנגליה, בלגיה, גרמניה ובשאר ארצות אירופה מתגוררים לובלינאים בודדים, ומגעים אתם נעשים במסגרת אישית־משפחתית בלבד. לא הצלחנו לשכנעם לפעילות ענפה, מרוכזת ומסודרת יותר למען עניננו.

בארצות־הברית לא מצאנו, לצערנו, אוזן קשבת ונכונות מצד ה„לאנדסמאנשאפטים" של הלובלינאים הקיימים בניו־יורק. פניתנו נפלה על אזנים אטומות, ומכתבינו נשארו ללא מענה. יוצא דופן היה ידידנו מר ישראל אייזנברג (בנו של ר' משהל'ה אייזנברג ז"ל) מלוס־אנג'לס. בעיר זו נמצאות פחות מעשרים משפחות יוצאי עירנו, והודות למר אייזנברג מתקיימת שם, מדי שנה, אזכרה לקדושי לובלין. הוא הצליח אף לאסוף תרומות נכבדות לארגוננו — לקליטת עולים ולעזרה הדדית. לפני כחצי שנה נפגשנו עם מר אייזנברג בתל־אביב, ומאז נשמרים המגעים עמו. קבלנו את פניהם של בני עירנו צפורה שפייזמן־טננבוים ובעלה יוסף מניו־יורק. הם הבטיחו לנו להשפיע על „הסוסייטי" בניו־יורק לקשור אתנו קשרים, ואכן הם קיימו את הבטחתם.

בקנדה יש לנו קשרים הדוקים עם ה„לובלינר לאנדסמאנשאפט" הודות לביקורו בישראל של סגן יו"ר מר סם ברייטר. המגעים בכתב הם ערים, בעיקר עם הארגון במונטריאול. השגנו את הכתובת בטורונטו ואנו מקווים לשיתוף פעולה פורה אתם.

בארגנטינה, בה קיימים שני ארגוני לובלינאים (הציוני והשמאלי) לא מצאו לנכון לענות על מכתבינו הרבים.

ביתר ארצות אמריקה הדרומית יושבים אמנם, לובלינאים בודדים, אך הם אינם מאוגדים בארגונים של ממש.

באוסטרליה, בסידני, נמצא ארגון לובלינאי, ונודע לנו על קיום האזכרה השנתית שם על פי ידיעות מהעתונות האידית המקומית בלבד. גם עם ארגון זה לא הצלחנו ליצור קשרים.

הועד לא אמר נואש מהידוק היחסים עם כל ה„לאנדסמאנשאפטים" שלנו בתפוצות וימשיך לעשות את כל המאמצים בכיוון זה.

בעת כתיבת השורות האלה, נמצא בסיור באירופה, בארה"ב ובקנדה חברנו עובדיה פלד ולפי הידיעות הראשונות, היו לו כמה מפגשים מוצלחים עם בני עירנו בחו"ל.

### חגיגות יום־העצמאות

נשף העצמאות של הלובלינאים הפך למסורת, משנה לשנה גדל קהל החוגגים ומשתפרים הסדרים והאווירה. לראשונה חגגנו את יום העצמאות ה־19 של מדינת ישראל באולם קטן. בנשף זה נטלו חלק כ־250 משתתפים, לעומת נשף העצמאות השלישי (ב־1969) בו השתתפו כ־350 איש. נשפים אלה מאפשרים מפגשי רעים של בני עירנו מהארץ ומחוצה לה, הבאים ארצה לחג החרות ולחג העצמאות. למרות ההפסדים הכספיים שהיו לנו בנשפים אלה, היה המאמץ כדאי, וזאת, כדי לאפשר לבני עירנו לחגוג יחדיו את יום הכרזת מדינת ישראל במסגרת ובאווירה לובלינאית. בנשף האחרון הגיעה ההשתתפות הלובלינאים לפחות מ־60%, בעוד שלשאר החוגגים אין שום קשר ללובלין. תופעה זו נובעת מן היחס השלילי של רבים מבני לובלין לארגון ומחשבונות אישיים ועלבונות מדומים או אמיתיים בין איש לרעהו.

בהפצת כרטיסי הנשף, בעזרה לארגונו ובאיסוף מוצגים להגרלה עוסקים יחידים בלבד. למרות ההצלחות של שלושת נשפי העצמאות הקודמים מוטל הנשף הקרוב בספק. אם לא תהיה לנו ההרגשה, שאכן חל שינוי לטובה ונשתנה היחס לאירוע חשוב זה, או נתקל בסירוב לקניית כרטיס ואם לא יעמוד לרשותנו חבר פעילים לבצוע המשימה — נשף העצמאות הקרוב עומד בסימן שאלה.



teatrnn.pl

## הנצחה

כידוע, היו תכניות והצעות להנצחת העיר לובלין. היו אף תשובות חיוביות מכמה מוסדות ואישי־ציבור ידועים בקשר למגרש וכו׳. הועד הנוכחי לא המשיך בבצוע רעיון ההנצחה, מאחר שה„לאנדסמאנשאפטים" שלנו בחו"ל וכמה לובלינאים בעלי אמצעים בארץ לא נענו לפניתנו לתרום סכום גדול להתחלת המבצע. בכ"ז לא ותרנו על עצם הרעיון.

בפגישה האחרונה עם מר משה קורן הועלתה הצעה מסויימת ויש סכוי להגשימה. עדיין מוקדם לדבר על כך, ואנו מבטיחים לחפש, גם בעתיד, דרכים להנצחה הולמת ומכובדת של יהדות לובלין.

## משכן קבוע

קבענו משכן קבע לארגון הועד והמזכירות, וכן שעות לקבלת־קהל ולפגישות. למטרה זו, התקשרנו עם התאחדות עולי פולין בתל־אביב, ברח׳ בן יהודה 100. יש להדגיש שמאפריל 1966 עד אפריל 1967 ישבו כמה מחברי הנשיאות כל יום ג׳ בשבוע בין השעות 5 ל־7 בערב והמתינו ליוצאי עירנו, אך איש לא הופיע, לא בבקשה, בפניה או בהצעה. אנו מסיקים מכך, שלבני לובלין בארץ לא היה צורך בעזרת ארגוננו. אנו מוכנים להנהיג תורנות, אחת לשבוע, במשכן החדש של התאחדות עולי פולין בתל־אביב, רח׳ דיזנגוף 158, בתנאי שתהיינה פניות של חברינו.

## קופת גמ"ח, עזרה הדדית וקליטת עולים

הועד הנוכחי קיבל מן הועד הקודם סכום של כמה מאות ל"י, וידענו, שללא גיוס הון רציני לא נוכל לפעול. אפילו באזכרה השנתית היה גרעון של כ־200—300 ל"י, על אף שמחיר כרטיס כניסה היה 2 ל"י. לפני כשנתיים נפגשו חברי הועד, האינג׳ א. לסקובסקי והמזכיר מ. הורן, עם בן עירנו מר משה קורן (טשמקה), איש עסקים ומשקיע הון בארץ, והוא התחייב לתרום מדי שנה למען הארגון 500 דולר להקמת קופה לעזרה הדדית ע"ש הוריו, מנחם בונם קוצקר ורעיתו פרידה ז"ל. מר קורן עמד בהתחייבותו וכן הרים תרומה נכבדה למען עולה חדש, ביוזמתו הוא. הודות לנדיבות לבו והבנתו לצרכי הארגון, יכולנו לעזור לכמה נצרכים וכן לעולים חדשים. הדו"ח הכספי משקף את הכנסותינו והוצאותינו, בעיקר בתחום העזרה לעולים. קבלנו תרומות למען עולים חדשים גם מ„הסוסייטי" בפאריס, הלובלינאים בלוס־אנג׳לס ותרומות בודדות מניו־יורק.

## מבצע ראש־השנה תש"ל

לקראת החגים תש"ל הוחלט לחלק מענקים כספיים וחבילות־שי לעולים חדשים, שזה להם ראש־השנה הראשון במדינת ישראל ולמשפחות נצרכים. שלושה מחברי הנשיאות (מ. הורן, א. לסקובסקי, ד. שטוקפיש) וגם הגב׳ אסתר ברוורמן־זנדשטיין ביקרו בבתיהם של העולים והנצרכים ומסרו להם, יחד עם ברכות של שנה טובה ומאושרת, 12 חבילות מזון וסכום כולל של 1700 ל"י (1,250 ל"י לעולים חדשים ו־450 ל"י לנצרכים).

★

אם אחד מבני לובלין בארץ יקבל על עצמו את ניהול קופת גמ"ח — יבוא על הברכה. אנו נאפשר לו להמשיך במסורת הלובלינאית של הגשת עזרה הדדית. יש ברשותנו הון־יסוד, אך חסר האדם שיתנדב לנהול הקופה.

## מפגשים ופעולות תרבות

תוך שנתיים הופיעו 5 ספרים שתוכנם ומחבריהם קשורים ללובלין. הרגשנו, שמחובתנו לציין זאת בערב מיוחד. הערב התקיים ב„בית וישקוב" ב־2.4.1968, בהשתתפות הסופר סטניסלב וויגודסקי, פרופ׳ נחמן בלומנטל, מר בנימין לובלסקי, העתונאי עובדיה פלד, יו"ר הארגון דוד שטוקפיש, והמזכיר מ. הורן. המנחה היה האינג׳ א. לסקובסקי. הנואמים עמדו בדבריהם על לובלין היהודית, על סופריה ורבניה, תוך הדגשה מיוחדת של הספרים שהופיעו:

בלה־ מנדלסברג־ שילדקרויט — „מחקרים בתולדות לובלין";

נחמן בלומנטל — „תעודות מגיטו לובלין"

יעקב גלאטשטיין — „אַ ייד פון לובלין";

משה שולשטיין — „ביים פנקס פון לובלין";

שלמה מיטלמן — „מכתבים מן החזית";

בערב זה השתתפו פחות מ־100 מבני לובלין, ונמכרו מעט מאד ספרים. הגרעון הגיע ליותר מ־200 ל"י. כמובן, שבסיכום לא קבלנו עדוד להמשיך במפגשים כאלה.

לפני זמן מה הופיע, באידיש, ספרה של בת עירנו, אננה לנגפוס ז"ל בעלת פרס גונקור, „זאלץ און שוועבל" („מלח וגפרית"). נענינו לפניות הוצאת הספרים ע"ש י. ל. פרץ בתל־אביב ורכשנו 20 עותקים של הספר. כמו כן, אנו מוכנים לעזור להפיץ את הספר בקרב בני עירנו ואנו מקווים שהם ירכשו את הספר הנ"ל.

## הועד, הנשיאות המזכירות

הועד הנוכחי מונה 13 חברים, מהם 5 חברי הנשיאות: דוד שטוקפיש — יו"ר, מתתיהו הורן — מזכיר, לאה קוריס — גזברות, אינג׳ אברהם לסקובסקי — אירועים, דוד רובינשטיין — עזרה הדדית. שאר חברי הוועד (לפי הא"ב): פרופ נחמן בלומנטל, יוסף גולדרינג, ד"ר אלחנן הורביץ, עו"ד נתן טמקין, משה מיודובניק, עובדיה פלד, עו"ד מנחם פלדי, שלמה שטוקפיש. ועדת הבקורת: יוכבד פלומקר־פריד, יהודה ז׳יטומירסקי, יצחק שטרן.

במשך שלוש שנים פרסמנו 4 חוזרים לחברינו, בארץ ובחו"ל, שלחנו עשרות מכתבים והעיקר — הצלחנו לעדכן כרטסת של כתובות בני העיר. דבר אחד ברור: אלה שלא מסרו את כתובותיהם למזכירות — אינם רשאים לבוא בטענות על שאינם מקבלים הזמנות, הודעות ומכתבים מן הועד.

**לצערנו, לא כל חברי הועד היו פעילים.**

**אנו מעוניינים בהזרמת דם חדש, בפעילים שיתמסרו לענין ברצינות ובנאמנות. עתה ההזדמנות להציע מועמדים חדשים למוסדות הארגון, אפילו להחלפת הועד, או להתנדבות אישית לפעולה. נקבל בעין יפה כל פניה והצעה (בכתב ובע"פ) בענין זה, ואנו מקוים, להמשיך בפעולותינו בעזרת כוחות חדשים ורעננים ולדווח לבני עירנו על השגים והצלחות בלבד, ללא מחדלים וכשלונות.**

## לכל יוצאי עירנו בישראל!

הוצאת החוברת „קול לובלין" מס׳ 3, כמו יתר פעולות הועד, קשורה במאמצים ארגוניים וכספיים רבים.

**לחוברת זו מצורף צ׳ק בנק הדואר. נא להעביר את התמורה (2 ל"י — החוברת ו־12 ל"י דמי־חבר לשנה) — על חשבון הארגון.**

# אויפשטעלן אַ בית לובלין אין ישראל

## אינזש' אברהם לאַסקאָווסקי

פרעזידיום־מיטגליד פון לובלינער קאָמיטעט אין ישראל

זינט דער אָרגאַניזירונג פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ארץ־ישראל, איז דער טרוים פון יעדן בן־עיר אין יידישן לאַנד געווען — אויפשטעלן דאָ אַן אייגענע היים, וווּ לאַנדסלייט זאָלן זיך קענען טרעפן און פירן אַ נאָרמאַלע, געזעלשאַפטלעכע און אָר־גאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט.

נאָך דעם גרויסן חורבן, איז די דאָזיקע פראַגע געוואָרן אַקטועלער און ברענענדיקער, ווייל בית לובלין האָט קודם כל און דער עיקר געמיינט: פאַראייביקונג פון אונדזערע קדושים און טהורים, די קרבנות פון די שווידערלעכע נאַצי־רציחות.

נאָר ווי מאָדנע עס זאָל נישט אויסזען, אַז גראָד אַזאַ שטאָט ווי לובלין, די עיר ואם בישראל — האָט נישט קיין אייגן ווינקל אין מדינת ישראל, הגם היגע לאַנדסמאַנשאַפטן פון קלענערע שטעט און שטעטלעך, וועלכע ס'איז שווער צו געפונען אויף דער מאַפּע און זיי האָבן נישט געהאַט אַזאַ חשיבות ווי אונדזער יידי־שע לובלין — האָבן פאַרמאָגט געוויגנדיקע געלט־מיטלען און געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוו כדי זיך אויפצובויען אַן אייגענע היים. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געשען אַ דאַנק דער אַקטיווער מיט־הילף פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין אויסלאַנד.

נישט דאָ איז דאָס אָרט צו באַשולדיקן עמעצן דערפאַר וואָס מיר, לובלינער אין ישראל, האָבן נישט קיין אייגן ווינקל. מן־הסתם זענען אונדזערע פאַרבינדונגען מיט די אויסלענדישע לוב־לינער אָרגאַניזאַציעס זייער לויזע, הגם אין די לעצטע 2־3 יאָר איז פאַרגעקומען אַ באַדייטנדיקע פאַרבעסערונג אויף דעם גע־ביט. עס זענען לעצטנס איינגעשטעלט געוואָרן קאָנטאַקטן מיט יחידים און לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע האָבן זיך וואַרעם אָפּגערופן אויף דעם אַפּעל פון קאָמיטעט בנוגע הילף — אָבער נישט וואָס שייך אַ בית לובלין.

איצט איז פאַראַן די פּאַסיקע מעגלעכקייט און אַטמאָספער צו שאַפן אין לאַנד און אין אויסלאַנד די געהעריקע מיטלען, כדי אויפצושטעלן אַן אייגן הויז אין ישראל, וואָס וועט דערמעגלעכן די לובלינער אין לאַנד אָפטערע צוזאַמענטרעפן אין משך פון יאָר — און נישט נאָר אויף דער אזכרה.

פון גאָר באַזונדערער וויכטיקייט איז היינט־צו־טאָג דער אויפנעמען פון נייע עולים: פאַר זיי איז אַוודאי געוווּנטשן צו האָבן אַן א ד ר ע ס ווו זיך צו ווענדן, מיט וועמען זיך אַדורכריידן. אין דער ערשטער צייט פון קומען אין לאַנד לעכצן זיי נאָך אַ היימישער סביבה, אַ גוט וואָרט, וואָס זאָל דערמוטיקן און דערנענטערן.

אין דער לובלינער היים אין ישראל דאַרפן די נייע עולים פאַרגעסן אין זייערע צרות און שווערע איבערלעבונגען. מ'דאַרף זיי העלפן וואָס שנעלער צו אַקלימאַטיזירן זיך, אַריינוואַקסן אין דער נייער סביבה.

דער בית לובלין דאַרף אויך זיין אַן אָרט פון צוזאַמענטרעפן און אויפנאַמען פאַר טוריסטן אונדזערע, וועלכע באַזוכן דאָס לאַנד און ווילן אויך זיך אויסשמועסן מיט אַ היימישן ייד, באַ־געגענען זיך מיט לובלינער יידן, מיט וועלכע מ'האָט געלערנט אין חדר, אין שול, אָדער אין דער אָרגאַניזאַציע, בכדי אויפפרישן זכרונות, טיילן זיך מיט דערינערונגען.

ס'איז דאָך אַ באַוווּסטע זאַך, אַז יעדער פון אונדז, אַ וואָ־סערע זכרונות ער זאָל נישט האָבן פון דער אַלטער היים — גוטע צי שלעכטע — פילט אַ באַדערפעניש פון צייט צו צייט צו טיילן זיך מיט זיי מיט מענטשן מיט וועלכע מ'האָט דורכ־געמאַכט צוזאַמען אַ שטיק לעבן. אַ סברה, אַז אויך דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע פסיכאָלאָגישע מאָמענטן צו גרינדן אַ לאַנדסמאַנשאַפט.

אינעם בית לובלין וועט אויך זיין אַ מעגלעכקייט צו פאַר־אייביקן אונדזערע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אי באַרימט געמאַכט די שטאָט, אי געלייסטעט פאַר איר זייער אַ סך.

מיר ווייסן, אַז עס זענען פאַראַן פיל לובלינער אין לאַנד און אין אויסלאַנד, וועלכע זענען פאַראינטערעסירט צו פאַר־אייביקן זייערע אומגעקומענע, די געשטאָרבענע קרובים — און אַ בית לובלין איז דאָס פּאַסיקסטע אָרט צו רעאַליזירן דעם געדאַנק.

דעריבער מיין אַפּעל צו אַלע לובלינער אין דער וועלט און אין ישראל:

זאָלן אומעטום געשאַפן ווערן ספּעציעלע קאָמיטעטן פאַרן בית לובלין, כדי שאַפן די געהעריקע פאָנדן און נייטיקע התלהבות פאַרן פּראָיעקט. שטעלט אייך אין פאַרבינדונג מיטן קאָמיטעט אין ישראל.

אין שייכות מיטן פּלאַן פון אויפשטעלן אַ בית לובלין, ווילן מיר צונויפרופן אַ וועלט־קאָנפערענץ פון לובלינער אין ישראל, כדי ביי אונדז אין לאַנד באַהאַנדלען די פראַגע און אַנדערע וועגן קאָאָפּעראַציע, קעגנזייטיקע הילף און רעאַליזירונג פון אונדזערע אויפגאַבן.

# צום אָנדענק פון דער יידישער לובלין

## אהרון ניסענבוים / מאָנטרעאָל

מיינע אויגן גייען אויס פון טרערן, מיינע
אינגעווייד ברענען, מיין לעבער איז
אויסגעגאָסן אויף דער ערד, אויף דעם
בראָך פון דער טאָכטער פון מיין פאָלק...

(איכה ב', לויט יהואש)

די דאָזיקע ווערטער פון דעם נביא ירמיהו, וועלכע זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן בשעת דעם חורבן פונעם ערשטן בית המקדש נאָך מיט 2500 יאָר צוריק, פּאַסן זייער גוט צו דעם חורבן פון יידישן פאָלק אין די יאָרן 1939־45, און צווישן זיי — אויך דער חורבן פון דער באַרימטער און אַלטער שטאָט פון פּוילן, לובלין.

זייער אַ סך יידן האַלטן, אַז עס איז שוין די העכסטע צייט מען זאָל פאַרגעסן אין דעם חורבן. מען האָט זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט און דאָס דערמאָנען דעם חורבן שטערט זיי אינעם גענוס פון לעבן. מיר דאַרפן זיך אָבער אָראָפּ־נעמען אַ ביישפּיל פון די אַלטע דורות, וועלכע האָבן אין משך פון 2.500 יאָר, זינט דעם חורבן פונעם ערשטן בית המקדש און קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר זייט דעם חורבן פונעם בית שני, נישט פאַרגעסן אין די דאָזיקע חורבנות און יעדעס יאָר אין תשעה באב באַוויינט מען די דאָזיקע אומגליקן.

דאָס איז אויך אַן ענטפער די וועלכע האַלטן, אַז זיי האָבן שוין אַ סך מאָל געהערט וועגן דעם חורבן לובלין און דע־ריבער האָבן זיי נישט וואָס צו קומען ווייטער צו הערן דאָס זעלבע. פאַר זיי דאַרף זיין מאַסגעבנד דער פאַקט, אַז אין משך פון 2.500 יאָר זאָגן דאָך יידן די זעלבע קינות, און דאָך גייט מען זיי יעדעס יאָר הערן.

דערביי וועט אויך נישט זיין איבעריק צו דערמאָנען, אַז די נישט־יידישע וועלט וואָלט זייער געוואָלט, אַז יידן זאָלן וואָס שנעלער פאַרגעסן אין דעם גרויסן חורבן, וואָס עס האָט זיי געטראָפן, כדי עס זאָל זיי אויפהערן צו פּייניקן דער געדאַנק, אַז זיי האָבן דאָס אַלץ גלייכגילטיק צוגעזען און נישט געמאַכט קיין שום פּרווו צו ראַטעווען די יידן אין זייער אומגליק. מיר אָבער זענען פאַראינטערעסירט יעדעס מאָל צו דערמאָנען דער נישט־יידישער וועלט זייער גלייכ־גילטיקייט און זיי באַווירקן, אַז אין דער צוקונפט זאָל זיך אַזעלכעס נישט איבערחזרן.

# לובלינער אין ישראל –

## אויפגאַבן, דערגרייכונגען און... אַנטוישונגען

**טעטיקייט־באַריכט פונעם קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל פון נאָוועמבער 1966 ביז אָקטאָבער 1969**

**דוד שטאָקפיש**, פאָרזיצער פון ארגון יוצאי לובלין אין ישראל

מיט 3 יאָר צוריק איז אויף דער יערלעכער אזכרה אויסגעקליבן געוואָרן דער איצטיקער קאָמיטעט פון דער לאַנדסאַנשאַפט, וועלכער האָט פאַר זיך אָנגעצייכנט די פאָלגנדיקע פלענער און אויפגאַבן:

- דורכפירן יאָר־יערלעך די אזכרה־אָוונטן צום אָנדענק פון דער אומגעבראַכטער יידישער לובלין.
- אַדאָפּטירן די יידישע לובלין דורך שולן אין ישראל.
- באַנייען די קאָנטאַקטן מיט די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין אויסלאַנד.
- פייערן דעם יום־העצמאות פון מדינת ישראל אין די ראַמען פון דער לאַנדסמאַנשאַפט.
- פאָרזעצן די אַקציע פון פאַראייביקונג.
- אויפשטעלן אַ גמילות־חסד קאַסע א. נ. פון די קדושי לובלין.
- קעגנזייטיקע הילף און אויפנעם פון נייע עולים.
- איינפירן אַן אַדרעסן־קאַרטאָטעק פון די לאַנדסלייט.
- חברישע צונויפטרעפן און קולטור־אונטערנעמונגען.

מיר ברענגען ווייטער דעם באַריכט און אָפּשאַצונגען וועגן דער טעטיקייט פונעם קאָמיטעט פאַר די אָפּגעלאָפענע דריי יאָר:

### די יערלעכע אזכרה

אין די לעצטע יאָרן זענען מיר עדות פון דער כסדר זיך פאַרקלענערנדיקער צאָל באַזוכער אויף די יזכור־אָוונטן. צענדליקער, אויב נישט הונדערטער לובלינער אין ישראל, קומען נישט צו דער אזכרה — דעם קאָלעקטיוון „קדיש" נאָך אונדזערע קדושים און טהורים. לויט אונדזער אָפּשאַצונג, געפינען זיך אין ישראל איבער טויזנט לובלינער, אין דער לעצטער אזכרה אָבער, פאַראַיאָרן, האָבן זיך באַטייליקט ביי אַ 450 פערזאָן.

אויף דער דאָזיקער אזכרה איז הויפּטרעפערענט געווען מיניסטער משה קול; עס זענען אויפגעטרעטן שילער און שילערינס פון דער חיפהער פאָלקסשול „דרור", וועלכע האָט אַדאָפּטירט די קהילה לובלין; ס'איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַ קבלת־פנים פאַר נייע עולים און דריי זייערע פאָרשטייער — לענקעוויטש־הערץ, לובעלסקי און סלושני זענען אַרויסגעטרעטן מיט קורצע רעדעס. אַלנפאַלס, די דאָזיקע אזכרה איז ווייט אַוועק פונעם געוויינלעכן סטאַנדאַרט פון אַזעלכע אָוונטן.

מיר האָבן בדעה ווייטער אָנצוהאַלטן די טראַדיציע פון די אָנדענק־פייערונגען אין חודש נאָוועמבער, אינעם יאָרטאָג פון אומקום פונעם לובלינער יידנטום דורך די דייטשע רוצחים און זייערע העלפערס. פאַרשטייט זיך, אַז מיר וועלן זיך באַמיען צו ענדערן אָפּט דעם פּראָגראַם פון די אזכרהס און דאָס וויכטיקסטע — איינפלאַנצן אויך ביי די קינדער דעם באַוווסטזיין און באַדייטונג פון אַזעלכע אָוונטן.

### אַדאָפּטאַציע פון שולן

אַ דאַנק דער לערערין פרוי נצר (די טאָכטער פון ה' לעווינשטיין פון לובלין) און אויף איר איניציאַטיוו, האָט די פאָלקסשול „דרור" אין קרית־אליעזר, חיפה, אַדאָפּטירט די יידישע קהילה פון לובלין. די שילערס פון די העכערע קלאַסן האָבן מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק אויסגעהערט אַ רעפעראַט פון אונדזער סעקרעטאַר מתתיהו האָרן וועגן לובלין. דער אויפטריט פון עטלעכע שילערס אויף דער לעצטער אזכרה, איז געווען זייער איינדרוקספול.

מיר האָבן זיך אויך געווענדעט צו דער דירעקציע פון דער פאָלקסשול אין רמת־השרון וועגן אַדאָפּטאַציע און באַקומען אַ פּאָזיטיוון ענטפער.

### פאַרבינדונגען מיט אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אויסלאַנד

דער קאָמיטעט האָט זיך באַמיט איינצושטעלן ענגערע קאָנטאַקטן מיט אונדזערע שוועסטער־אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד. אויף דעם געביט זענען פאַראַן עטלעכע וויכטיקע דערגרייכונגען, עס פעלן אָבער אויך נישט קיין דורכפאַלן און אַנטוישונגען.

אין פ ר אַ נ ק ר י י ך עקזיסטירן דריי לובלינער סאָסייטיס און בלויז מיט איינער פון זיי (אָנגעפירט פון שמואל שפּיראָ, גיטעלע שילדקרויט־עדעלשטיין, אלתר זאַוערמאַן און אַנדערע) איז אונדז געלונגען צו זיין אין ענגן און שטענדיקן קאָנטאַקט. ס'איז געווען אַ לעבעדיקער בריוו־אויסטויש, מיר האָבן עטלעכע מאָל זיך געטראָפן מיט די דערמאָנטע לאַנדסלייט ((ווי אויך מיטן אינזש' מרדכי לערמאַן) בעת זייערע באַזוכן אין ישראל. הגם די סאָסייטי אין פראַנקרייך האָט זיך אירע אויפגאַבן און אויסגאַבן, האָבן מיר פון זיי באַקומען אָנגעזעענע באַשטייערונגען פאַר נייע עולים, ווי אויך פערזענלעכע סומען פון גיטעלע שילדקרויט־עדעלמאַן און אלתר זאַובערמאַן. די צוויי אַנדערע סאָסייטיס (איינע אונטער קאָמוניסטישער השפעה און די צווייטע פון אָרטיקע „ותיקים") האָבן נישט געענטפערט אויף אונדזערע בריוו וועגן צוזאַמענאַרבעט.

אין ע נ ג ל אַ נ ד, ב ע ל ג י ע, ד י י ט ש ־ ל אַ נ ד און אין אַנדערע אייראָפּעישע לענדער געפונען זיך איינצלנע לובלינער און קאָנטאַקטן מיט זיי ווערן אָנגעהאַלטן אויף אַ פערזענלעכן און פאַמיליאַרן אופן. מיר האָבן נישט מצליח געווען איבערצוצייגן די דאָזיקע יידן, אַז אויך מיט אַ קליינער צאָל לובלינער אין די דאָזיקע לענדער לאָזט זיך פירן אַ געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין די ראַמען פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט.

אין די פ אַ ר א י י נ י ק ט ע ש ט אַ ט ן איז צום באַדויערן נישט געלונגען איינשטעלן באַציונגען מיט די פאַראַנענע לאַנדסמאַנשאַפטן אין ניו־יאָרק. אונדזערע ווענדונגען און בריוו זענען געבליבן אָן אַן ענטפער. אַן אויסנאַם איז געווען פריינד ישראל אייזענבערג (זון פון ר' משהלע אייזענבערג הי"ד) אין לאָס־אַנדזשעלעס. אין דער דאָזיקער גרויסער אַמעריקאַנער שטאָט געפינען זיך ווייניקער פון צוואַנציק לובלינער משפחות און אַ דאַנק פריינד אייזענבערג קומט יעדעס יאָר פאַר אַן אזכרה פאַר די קדושי לובלין. ער ווערט אויך נישט מיד צו זאַמלען געלט פאַרן אירגון אין ישראל און באַשטייערונגען אויפצונעמען עולים. מיט אַ קנאַפּ יאָר צוריק האָבן מיר זיך געטראָפן מיט ה' אייזענבערג אין תל־אביב און פון דעמאָלט אָן איז דער קאָנטאַקט מיט אים אַ לעבעדיקער.

מיר האָבן אויך אויפגענומען אונדזערע לאַנדסלייט פון ניו־יאָרק — צפורה שפּייזמאַן־טענענבוים און איר מאַן יוסף טענענבוים. זיי האָבן צוגעזאָגט צו ווירקן אויף דער סאָסייטי אין ניו־יאָרק צו שטיין מיט אונדז אין פאַרבינדונג. די פריינד טענענבוים האָבן זייער צוזאָג געהאַלטן, נאָר פון דער סאָסייטי האָבן מיר פאָרלויפיק קיין שום ידיעה.

אין ק אַ נ אַ ד ע איז דאָ אַ טעטיקע לאַנדסמאַנשאַפט סיי אין מאָנטרעאָל, סיי אין טאָראָנטאָ. אַ דאַנק דעם באַזוך פון



קבלת־פּנים פאַר ה׳ ישראל אײזענבערג פון לאָס־אַנזשעלעס — אין דער װױנונג פון פרוי לאה קוריס אין תל־אביב. עס שטײען (פון רעכטס אויף לינקס): ישראל אײזענבערג, דוד אײדלמאַן, מ. װאַסאָנג, אינזש. א. לאַסקאָװסקי, יוכבד פרײד־פּלומענגער, לאה קוריס. עס זיצן (פון רעכטס אויף לינקס): דוד רובינשטײן, רבקה שטאָקפּיש, פרוי לאַנגער־מײזעלס, מתתיהו האָרן, אינאַ מאיר־זיסערמאַן, דוד שטאָקפּיש.

װיצע־פּרעזידענט פון די לובלינער אין מאָנטרעאל, ה׳ סעם ברײטער, האָט זיך אײנגעשטעלט אַ לעבעדיקער קאָנטאַקט און בריװ־אויסטויש. מיר האָבן לעצטנס באַקומען דעם אַדרעס פון דער לובלינער סאָסײטי אין טאָראָנטאָ און לאָמיר האָפן אַז מ׳װעט זוכה זײן צו פּרוכטבאַרער צוזאַמענאַרבעט.

אין אַ ר ג ע נ ט י נ ע זענען פאַראַן צװײ לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס (אַ ציוניסטישע און אַ. ג. לינקע) — אָבער בײדע האָבן נישט געפונען פאַר נײטיק צו ענטפערן אויף אונדזערע בריװ און װענדונגען.

אין די אַנדערע לענדער פון לאַטײן־אַמעריקע זענען פאַראַן אײנצלנע לובלינער, אָבער אָן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער, לאַנדסמאַנשאַפטלעכער ראַם.

אין א ו י ס ט ר אַ ל י ע איז יאָ פאַראַן אַ לובלינער סאָסײטי און װעגן די יערלעכע אזכרה־אָװנטן דאָרטן איז אונדז באַװוסט פון די אויסטראַלישע יידישע צײטונגען. אויך די דאָזיקע לאַנדסמאַנשאַפט האָט נישט געענטפערט אויף אונדזערע בריװ און ביז הײנט איז נישטאָ צװישן אונדז קײן שום פאַרבינדונג.

פון דעסטװעגן האָבן מיר נישט רעזיגנירט און װעלן אַלץ טאָן, כדי אײנשטעלן לעבעדיקע און ענגע פאַרבינדונגען מיט אונדזערע שװעסטער־אָרגאַניזאַציעס אין די תפוצות.

בעת מיר שרײבן די שורות, געפינט זיך איצט אין אַ רײזע איבער אײראָפּע, אַמעריקע און קאַנאַדע דער קאָמיטעט־מיטגליד עובדיה פעלד און פון די דערהאַלטענע ידיעות װײסן מיר, אַז ער האָט געהאַט עטלעכע געלונגענע צוזאַמענטרעפן מיט אונדזערע לאַנדסלײט אין אַ רײ ערטער.

## יום־העצמאות־פײערונגען

די פײערונגען לכבוד דעם ישראלדיקן זעלבשטענדיקײט־טאָג זענען שױן בײ אונדז אַ טראַדיציע. פון יאָר צו יאָר פאַרגרעסערט זיך די צאָל אָנטײלנעמער און עס פאַרבעסערט זיך די אַטמאָספער און באַדינונגען. צום ערשט האָבן מיר געפײערט דעם 19טן יום־העצמאות אין אַ קלײנעם זאַל. באַטײליקט האָבן זיך אַ 250 פּערזאָן, בעת אין דער יום־העצמאות פײערונג אין יאָר 1969 זענען געקומען איבער 350 מענטשן. אַזאַ סאָרט אונטערנעמונג דערמעגלעכט אַ חברישן צוזאַמענטרעף פון אונדזערע שטעטישע אין ישראל און אין אויסלאַנד, װעלכע קומען קײן ישראל פאַרברענגען דאָ דעם יום־טוב פּסח און דעם יום־העצמאות. הגם אַזאַ אונטערנעמונג איז בדרך כלל אַ דעפיציטע, איז דאָך כדאי די מי און אָנשטרענג װעלכע דערמעגלעכט אונדזערע בני־עיר צו פרײען זיך אין יום־העצמאות אין אַ לובלינער אַטמאָספער און געזעלשאַפט.

למען האמת דאַרף געזאָגט װערן, אַז דער אָנטײל פון לובלינער אין ז ײ ע ר פײערונג איז בערך ביז 60 פּראָצענט, בעת די אַנדערע 40 פּראָצענט האָבן נישט קײן שום שײכות צו לובלין. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון אַ געװיסער נעגאַטיװער באַציונג פון פיל לאַנדסלײט אונדזערע, סײ צו זײער אָרגאַניזאַציע, סײ צוליב פּערזענלעכע קלײנלעכע חשבונות, אָדער כלומרשטע צי אמתדיקע באַלײדיקונגען.

מיט פאַרשפּרײטן די בילעטן צום באַל, בײם העלפן אים אָרגאַניזירן און בײם צונױפזאַמלען פאַנטן פאַר דער אויספּלעטונג — פאַרנעמען זיך עטלעכע יחידים. טראָץ דעם מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכן דערפאָלג פון די דרײ ביז איצטיקע פײערונגען לכבוד דעם יום־העצמאות, איז דער נאָענטסטער נשף־העצמאות אונטער אַ פראַגע־צײכן. אויב מיר װעלן נישט האָבן דאָס געפיל אַז ס׳איז פאָרגעקומען אַ געװיסע ענדערונג צום גוטן בנוגע אַזאַ װיכטיקער אונטערנעמונג, אויב מען װעט דאַרפן פטרן אַ סך צײט און רײד איבערצוצײגן אַ לובלינער, ער זאָל זיך באַטײליקן אין ז ײ ן אונטערנעמונג און אויב עס װעט זיך נישט מעלדן אַ גענוגנדע צאָל אַקטיװיסטן צו אָרגאַניזירן דעם באַל — זענען מיר נישט זיכער צי ער װעט טאַקע פאָרקומען אין יאָר 1970.

## פאַראײביקונג

װי באַװוסט, זענען בשעתו געװען פּלענער און פאָרשלאַגן װי אַזױ צו פאַראײביקן די יידישע לובלין. מיר האָבן אויך געהאַט פּאָזיטיװע ענטפערס פון אײניקע אינסטיטוציעס און פּערזענלעכקײטן װעגן אַ פּלאַץ, הילף א.אַז״װ. דער איצטיקער קאָמיטעט האָט נישט פאָרגעזעצט די אַקציע פון פאַראײביקונג, װײל די לאַנדסמאַנשאַפטן אין אויסלאַנד און אײניקע פאַרמעגלעכע לובלינער יידן אין ישראל האָבן נישט געענטפערט אויף אונדזערע װענדונגען מכוח באַשטײערונגען. מיר האָבן נאָך נישט אין גאַנצן רעזיגנירט פון דער אידעע — און אויפן צוזאַמענטרעף אין תל־אביב מיט ה׳ משה קאָרן (טאַשעמקאַ), האָבן מיר אַרויסגעברענגט אַ געװיסן פאָרשלאַג װעלכער האָט אַ שאַנס פאַרװירקלעכט צו װערן. ס׳איז נאָך פריצײטיק װעגן דעם צו רײדן און מיר פאַרזיכערן אויך װײטער צו זוכן פאַרשידענע װעגן פאַר אַן אַנטשפּרעכיקער פאַראײביקונג פון דער יידישער לובלין.

## אַן אײגענע אַכסניה

מיר האָבן באַשטימט אַ סטאַבילע אַכסניה פאַר אונדזער טעטיקײט װי אויך שעהן אויפצונעמען לובלינער אין דעם לאָקאַל פון „התאחדות עולי פולין" אין תל־אביב, בן־יהודה 100. פון אַפּריל 1966 ביז אַפּריל 1967 האָבן חברים פון פּרעזידיום

אַמטירט יעדן דינסטיק פון 5 ביז 7 אָוונט — און אַזוי ווי ס'האָט זיך קיינער נישט באַוויזן, האָבן מיר אָפּגעשאַפן די דאָזיקע דיזשורן.

## גמילות־חסד קאַסע, קעגנזייטיקע הילף און אויפנעם פון נייע עולים

דער איצטיקער קאָמיטעט האָט באַקומען פון פריערדיקן קאָמיטעט אַ סומע פון עטלעכע הונדערט ל"י און מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז אויב אונדז געלונגט נישט צו מאָביליזירן אַן ערנסטן קאַפּיטאַל, וועט זיין אוממעגלעך צו פירן וועלכע ס'איז טעטיקייט. אַפילו די יערלעכע אזכרה ברענגט אַ דעפיציט פון אַ 200־300 ל"י, הגם אַן איינטריטס־קאַרטע קאָסט 2 ל"י. מיט צוויי יאָר צוריק האָבן די קאָמיטעט־מיטגלידער אינזש' אברהם לאַסקאָווסקי און דער סעקרעטאַר מתתיהו האַרן זיך געטראָפן מיט אונדזער לאַנדסמאַן ה' משה קאַרן (טאַשעמקאַ), אַ בוי־אונטערנעמער און אינוועסטירער אין ישראל, וועלכער האָט זיך פאַרפליכטעט יעדעס יאָר צו שפענדן פאַר דער ישראלדיקער לאַנדסמאַנשאַפט די סומע פון 500 דאָלאַר, בכדי צו שאַפן אַ קאַסע פאַר קעגנזייטיקער הילף אויפן נאָמען פון זיינע גאָטזעליקע עלטערן מנחם בונעם קאָצקער און פריידע ז"ל. ה' קאַרן האָט געהאַלטן וואָרט און אויסער דעם אויך בייגעטראָגן אַ באַדייטנדיקע סומע פאַר אַ נייעם עולה, וועלכן מ'האָט באַדאַרפט העלפן פאַרלאָזן פוילן. אַ דאַנק זיין ברייטהאַרציקייט און פאַרשטענדעניש פאַר אונדזערע באַדערפענישן, האָבן מיר געקענט העלפן נויט־באַדערפטיקע לובלינער משפחות און נייע עולים. מיר האָבן באַקומען אויך באַשטייערונגען פאַר נייע עולים פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין פּאַריז, מאָנטרעאָל, לאָס־אַנדזשעלעס און איינצל־שפענדונגען פון ניו־יאָרק.

אַ ק צ י ע ר א ש ה ש נ ה ת ש"ל: צו די ימים נוראים און ימים טובים פון יאָר תש"ל האָט דאָס פּרעזידיום באַשלאָסן צוטיילן אַן איינמאָליקע יום־טוב שטיצע און שפּייז־פּאַקעטן פאַר נייע עולים וועלכע פייערן דעם ערשטן ראש־השנה אין מדינת ישראל, ווי אויך פאַר עטלעכע נויט־באַדערפטיקע פאַמיליעס. דריי פּרעזידיום־מיטגלידער (אינזש' לאַסקאָווסקי, מ. הורן, ד. שטאָקפיש) צוזאַמען מיט דער פרוי אסתר בראַווערמאַן־זאַנדשטיין, האָבן באַזוכט די נייע עולים אין זייערע היימען און צוזאַמען מיט די ברכות פון אַ גוט געבענטשט יאָר אויך איבערגעגעבן אונדזערע מתנות.

עס זענען פאַרטיילט געוואָרן 12 שפּייז־פּאַקעטן און אַ סומע פון —.1,700 ל"י (—.1,250 ל"י פאַר נייע עולים און —.450 ל"י פאַר נויטבאַדערפטיקע).

*

אויב ווער פון אונדזערע לובלינער אין ישראל וועט וועלן נעמען אויף זיך פרייוויליק דעם עול פון פירן די גמילות־חסד קאַסע — זאָל אויף אים קומען אַ ברכה. מיר וועלן אים דערמעגלעכן ממשיך זיין די שיינע לובלינער טראַדיציע פון טראָגן הילף. מיר האָבן אַ גרונט־קאַפּיטאַל, עס פעלט אָבער דער מענטש וואָס זאָל איינגוויליק פאַרנעמען זיך מיט דער דאָזיקער וויכטיקער אַרבעט.

## צונויפטרעפן און קולטור־אונטערנעמונגען

אין די יאָרן 1966־68 זענען דערשינען פינף ביכער וואָס זייער אינהאַלט און די מחברים האָבן אַ שייכות צו לובלין. מיר האָבן געהאַלטן פאַר אונדזער חוב אָפּצומערקן די דאָזיקע געשעעניש אויף אַ ספּעציעלן אָוונט, וועלכער איז פאָרגעקומען אין בית וויסקאָוו אין תל־אביב, דעם 2טן אַפּריל 1968, מיטן אָנטייל פון שרייבער סטאַניסלאַוו וויגאָדסקי, פּראָפ' נחמן בלומענטאַל, זשורנאַליסט עובדיה פעלד, ה' בנימין לובעלסקי, פאָרזיצער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט דוד שטאָקפיש, סעקרעטאַר מ. האַרן. געפירט דעם אָוונט האָט דער פּרעזידיום־מיטגליד אינזש' א. לאַסקאָווסקי.

די רעדנערס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן גורל פון דער יידישער לובלין, אירע רבנים, שרייבערס און פשוטע יידן און אַרומגערעדט די דערשינענע ביכער:

בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט — מחקרים בתולדות לובלין.

נחמן בלומענטאַל — תעודות מגיטו לובלין.

יעקב גלאַטשטיין — אַ ייד פון לובלין.

משה שולשטיין — ביים פנקס פון לובלין.

שלמה מיטעלמאַן — בריוו פון פראַנט.

אין דעם אָוונט האָבן זיך באַטייליקט וויניקער פון 100 לובלינער און זייער ווינציק ביכער זענען פאַרקויפט געוואָרן. דער דעפיציט פון דער אונטערנעמונג איז געווען — העכער 200 ל"י. פאַרשטייט זיך, אַז אַלץ צוזאַמען איז נישט געווען קיין דערמוטיקונג אויף איינצואָרדענען נאָך אַזעלכע אָוונטן.

מיט אַ צייט צוריק איז דערשינען אין יידיש דאָס בוך פון אונדזער בת־עיר אַננאַ לאַנגפוס ז"ל, אויסגעצייכנט מיטן פּראַנצויזישן גאָנקור־פּרייז — „זאַלץ און שוועבל". אויף דער ווענדונג פון י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין תל־אביב האָבן מיר איינגעקויפט 20 ביכער און זענען גרייט העלפן פאַרשפּרייטן דאָס בוך צווישן די לובלינער.

## דער קאָמיטעט, פּרעזידיום, סעקרעטאַריאַט

דער איצטיקער קאָמיטעט ציילט 13 חברים, פון זיי — 5 פּרעזידיום־מיטגלידער: פאָרזיצער — דוד שטאָקפיש, סעקרעטאַר — מתתיהו האַרן, פינאַנסן — לאה קוריס, אונטערנעמונגען — אינזש. א. לאַסקאָווסקי, קעגנזייטיקע הילף — דוד רובינשטיין. די אַנדערע קאָמיטעט־מיטגלידער (לויט א"ב): פּראָפ' נחמן בלומענטאַל, יוסף גאָלדרינג, ד"ר אלחנן האָראָוויץ, אַדוו' נתן טעמקין, משה מיאַדאָווניק, עובדיה פעלד, אַדוו' מנחם פלדי (זאַקאַליק), שלמה שטאָקפיש.

אין דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: יוכבד פלומענקער־פריד, יהודה זשיטאָמירסקי, יצחק שטערן.

אין משך פון די דריי אָפּגעלאָפענע יאָר האָבן מיר צעשיקט 4 ביולעטינען צו אונדזערע לאַנדסלייט אין לאַנד און אין אויסלאַנד. עס זענען אַרויס געשיקט געוואָרן צענדליקער בריוו און דער עיקר — ס'איז אונדז געלונגען איינצושטעלן אַ קאַרטאָטעק פון העכער 500 אַדרעסן. נאָר קלאָר, אַז די וואָס האָבן נישט איבערגעגעבן זייערע אַדרעסן אין סעקרעטאַריאַט — זענען נישט באַרעכטיקט מיט זייערע טענות, הלמאי זיי באַקומען נישט אונדזערע מעלדונגען, איינלאַדונגען אדג"ל.

צום באַדויערן, זענען נישט אַלע קאָמיטעט־מיטגלידער געווען אַקטיוו. מיר זענען איצט פאַראינטערעסירט אַז עס זאָל אַריינפליסן פריש בלוט, עס זאָלן צוקומען נייע אַקטיווע טוער, איבערגעגעבן דעם לובלינער ענין בלב ובנפש. איצט איז געקומען די צייט פאָרצולייגן נייע קאַנדידאַטן אין קאָמיטעט, אַפילו טוישן דעם קאָמיטעט, פרייוויליק זיך מעלדן צו אַרבעט. מיר וועלן גינסטיק אויפנעמען יעטוועדע ווענדונג — מינדלעך און שריפטלעך און ווילן האָפן, אַז מיט באַנייטע און פרישע כוחות וועלן מיר ווייטער אָנגיין מיט אונדזער טעטיקייט, כדי אין נאָענטן באַריכט דערציילן נאָר וועגן דערגרייכונגען און דערפאָלגן — אָן פעלערן און דורכפאַלן.

**האזכרה השנתית**

תתקיים ביום ד' 26.11.69
(ט"ז כסלו) בשעה 7.30
בערב באולם „בית המלין"
בתל־אביב, רח' וייצמן 30.

(פרטים — בעמ' 20)

# אַ גרוס פון לאָס-אַנזשעלעס

ישראל אייזענבערג

אין דער פילמיליאָניקער שטאָט אויפן מערב־ברעג פון די פאַר. שטאַטן געפונען זיך ביי אַ 20-18 לובלינער פאַמיליעס, וועלכע האַלטן אָן צווישן זיך אַ קאָנטאַקט. יעדעס יאָר, אין חודש נאָוועמבער, פירן מיר אַדורך די יערלעכע אזכרה, וועגן וועלכער מיר מעלדן אין דער אָרטיקער פרעסע און ראַדיאָ. אַזאַ אָנדענק־אָוונט איז פאַר אונדז אַ גרויסע איבערלעבונג און גלייכצייטיק אַ באַהעפטן זיך מיטן אָנדענק פון אונדזערע קדושים.

מיר זענען זייער צופרידן, וואָס ס'איז אונדז געלונגען איינצושטעלן אַ לעבעדיקע פאַרבינדונג מיט די לובלינער אין ישראל דורך דעם אירגון. דער בריוו־אויסטויש איז אָן אָפּטער, פון צייט צו צייט שיקן מיר צו עטלעכע דאָלאַר און פון די באַריכטן, וועלכע מיר דערהאַלטן פון תל־אביב ווייסן מיר, אַז דאָס געלט ווערט פאַרווענדט אויף נוצלעכע צוועקן.

פאַריקן חודש האָבן מיר אויסגענוצט דעם באַזוך אין לאָס־אַנזשעלעס פון אייער קאָמיטעט־מיטגליד, זשורנאַליסט עובדיה פעלד און פאַר אים איינגעאָרדנט אַ צוזאַמענטרעף מיט אונדזערע בני־עיר.

די קליינע לובלינער קאָלאָניע אין לאָס־אַנזשעלעס לעבט מיט מיט מדינת ישראל, אירע פּראָבלעמען, ראַנגלענישן און דערגרייכונגען.

מיר ווינטשן אייך אַ באַלדיקן שלום.

# אַ גרוס פון קאַנאַדע

סעם ברייטער / מאָנטרעאַל

אין די צוויי גרויסע שטעט אין קאַנאַדע — מאָנטרעאַל און טאָראָנטאָ, זענען טעטיק לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פירן אַ לעבהאַפטע טעטיקייט אויפן געזעלשאַפטלעכן, קולטורעלן און פילאַנטראָפּישן געביט, ווי אויך אויפן געביט פון פאַראייביקן די יידישע לובלין.

בראש פון די אָרגאַניזאַציעס שטייען לאַנגיאָריקע געזעלשאַפטלעכע טוערס, וועלכע האָבן נאָך אין דער אַלטער היים אַרויסגעוויזן זייער אינטערעס און איבערגעגעבנקייט לטובת הכלל.

איך וועל תמיד געדענקען די וואַרעמע, ברודערלעכע הילף וועלכע ס'האָבן מיר אַרויסגעוויזן די לאַנדסלייט, ווען כ'בין מיט מיין פאַמיליע אָנגעקומען קיין קאַנאַדע אין יאָר 1948.

מיט 4 יאָר צוריק האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל לזכר די קדושי לובלין. דער דענקמאָל־קאָמיטעט (א. ניסענבוים, נ. זימעלשטערן, מ. גארטענבערג, ס. אייכענבוים, לייבל לערער ז"ל, י. קאַפּלאַן און י. הערצמאַן) האָבן אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך.

בראש פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אין טאָראָנטע שטייט אונדזער בן־עיר מאַקס פרידמאַן.

אויפן אָרט, ווו עס געפינט זיך דאָס אַש, וואָס איז מיט אַ צייט צוריק געבראַכט געוואָרן פון פּוילן פון די געוו. טויט־לאַגערן אין מיידאַנעק און בעלזשעץ — אויפן יידישן בית־עולם אין טאָראָנטאָ, איז פייערלעך אַנטהילט געוואָרן אַ מאָנומענט צום אָנדענק פון די לובלינער יידן, וועלכע זענען דורך די נאַציסטישע רוצחים אומגעבראַכט געוואָרן אין די דערמאָנטע לאַגערן.

צו די פאַרזאַמלטע איז מיט אַ רעדע אַרויסגעטראָטן דער פאָרזיצער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט פון די לובלינער יידן אין טאָראָנטאָ, מ. פרידמאַן, וועלכער האָט דערמאָנט די צוואה פון די 6 מיליאָן יידישע קרבנות פונעם נאַציזם קיין מאָל נישט צו פאַרגעסן און קיין מאָל נישט מוחל זיין די מערדער פון יידישן פאָלק.

דער וויצע־פאָרזיצער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט פון די לובלינער אין טאָראָנטאָ, צוקערפיין, האָט אין אַ רעדע אָנגעוויזן, אַז די אָרגאַניזירטע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין קאַנאַדע, באַזונדערס דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס, פירט נישט קיין גענוג שטאַרקן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און נעאָנאַציזם.

# לובלינער אין פראַנקרייך זאַמלען פאַרן מגבית

ש. מאַרכעווקאַ / פּאַריז

די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט האָט טריי איר טראַדיציע באַוויזן, אַז עס איז נישט גענוג זיך אָנצורופן נאַציאָנאַלע סאָסיעטע, נאָר מען דאַרף אויך מיט מעשים זאָרגן פאַר די אינטערעסן פון אָרטיקן יידנטום און פאַר דער מדינה.

נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס די ערשטע, אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג נאָך וואַקאַנסן איז געווען געווידמעט דער אַקציע פאַרן מגבית. אַ גרויסער עולם לובלינער איז געקומען זונטיק, דעם 9טן אָקטאָבער אין צענטער קאָמונאַטער, קודם־כל זיך משמח זיין מיט די, וואָס מען האָט זיך שוין עטלעכע חדשים נישט געזען און אויך אַ פייערלעכן אויפן צוטראָגן זייער ביישטייער פאַר דער אַקציע פאַרן מגבית, וואָס דער קאָמיטעט האָט אונטערגענומען.

די פאַרזאַמלונג האָט געעפנט דער פרעזידענט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, שמואל שפּיראָ, באַגריסנדיק אַלע אָנוועזנדיקע און ווינטשנדיק זיי, הגם מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, אַ געזונט און גוט יאָר. מיט האַרציקע ווערטער באַגריסט ער דעם ח' לערמאַן מיט זיין פרוי צום געבורט פון זייער ערשטן אייניקל.

דעם פאָרזיץ נעמט דערנאָך איבער דער קאָמיטעט־מיטגליד פאַרן מגבית, אלתר זאָבערמאַן און ער מאַכט אַן אַפּעל זיך צו באַשטייערן פאַר דער אַקציע.

אַ לענגערן רעפעראַט וועגן דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע אין דער מדינה האַלט דאַן ח' לערמאַן.

דער קאַסירער פון דער אַקציע, יוסף זאָבערמאַן, גיט אָפּ אַ באַריכט פון דער פאַראַיאָריקער אַקציע, וועלכע איז געווען צום כבוד פון די לובלינער און אַפּעלירט צו די פאַרזאַמלטע זיך צו באַשטייערן מיט אַ טאָפּלטער סומע. זיין רוף האָט גלייך אויפן אָרט זיך קאָנקרעטיזירט.

רות מיימון האָט מיט גרויס טאַלאַנט אינטערפּרעטירט אַלטע יידישע און נייע ישראלדיקע לידער פון וועלכע דער עולם האָט שטאַרק הנאה געהאַט. אַ ישראלדיקער פילם האָט געשלאָסן די איינדרוקספולע פאַרזאַמלונג.

## צו אונדזערע לאַנדסלייט אין אויסלאַנד!

(יחידים און אָרגאַניזאַציעס)

נאָכן דערהאַלטן און איבערלייענען „לובלינער שטימע" נר. 3, בעטן מיר תיכף אַריינשיקן דעם באַטרעף פאַר דער אויסגאַבע (2 דאָלאַר און מערער), ווי אויך אַ באַשטייערונג פאַר אונדזער הילפס־אַרבעט.

געלט שיקן אויפן אדרעס:

Lea Kuris, Tel-Aviv, Israel, Shderot Ben-Cyjon 26

# נידחי לובלין באי בארבאדוס

האי ברבדוס (Barbados) הוא המזרחי ביותר באיי הודו המערבית. שטחו כ־430 קמ"ר בלבד ואוכלוסיתו מונה כ־220 אלף תושבים ש־90% מהם שחורים, כ־5% מהם סינים שבאו לחפש עבודה, חלקם מוסלמים וחלקם בני דת בודהא וחיים חיי חברה מסוגרים ולא מתערבים עם הילידים. היתר הם נוצרים לבנים המאורגנים בסקטות מסוגרות ואינם קולטים זרים בחברתם.

מי מילל ומי פילל כי גם באי נידח זה תימצא קהילה יהודית, אמנם קטנה שגלגולים רבים עברו עליה. לפני זמן קצר נזדמן לי להיפגש באירופה עם אחד היהודים מאותו אי נידח ורוב האינפורמציה נשאבה מפיו.

אף שהבריטים נאחזו באי כבר בשנת 1625 הרי הוא ידוע כמושבה תחת הכתר הבריטי רק משנת 1660. ידוע שבין ראשוני המתיישבים באי היו גם יהודים מספרד שעברו תחילה לברזיל. ב־1654 היגרו רוב יהודי ברזיל לאי ברבדוס. הם לא רצו לוותר על חופש הדת, שקיבלו בזמנו מן מהשלטון ההולנדי שנפל.

## הישוב היהודי החדש

בשנת 1930 בא לאי יהודי — משה אלטמן — והתיישב בו וממנו התחיל ישוב של יהודים בפעם השניה. מי הוא אלטמן? כיצד בא לאי.

משה אלטמן מלובלין שבפולין עלה לארץ ישראל בשנת 1924 ועבד כפועל בתל־אביב, בהבאת חול לבניינים. את משפחתו (אשה ו־5 ילדים) השאיר בלובלין. הפרנסה היתה קשה ולא הספיקה כדי תמיכה במשפחתו בלובלין. הוא לא ראה דרך כיצד להביא אותם לארץ ישראל ולפרנסם; ירד איפוא, לקולומביה, מקום שם היו לו מכרים. הוא נעשה שם „פדלר" (רוכל) ומכר סחורות על שפת הים.

נראה שגם את קולומביה לא מצא כמקום מתאים להביא לשם את משפחתו. אסף במשך שלוש שנים מעט כסף וחזר למשפחתו בלובלין, שם עשה שותפות עם יהודי מבלגיה במסחר סוסים מפולין לבלגיה. שני השותפים הצטרפו אל המשלוח הראשון, ונסעו לבלגיה בקרונות של הסוסים, הרוויחו יפה וחזרו ללובלין להכין משלוח שני, גדול יותר. גם במשלוח השני שהיה גדול בהרבה מהראשון, המשיכו לנסוע בקרונות של הסוסים לבלגיה, ומסרו את הסוסים במחירים טובים. בהיותם בתחנת הרכבת בדרכם חזרה לפולין הלך שותפו של אלטמן לקנות את כרטיסי הנסיעה ולא חזר. בידיו של אותו שותף נשאר כל הכסף. חיפשו אותו בכל מיני דרכים ולא מצאוהו. משה אלטמן נשאר בחוסר

(קטעים ממאמרו של מר זליג מטל „נידחי ישראל באי ברבדוס", שפורסם ב„הצופה" מיום 9.5.1966).

כל והכסף שנשאר בכיסו לא הספיק אפילו כדי קנית כרטיס חזרה ללובלין. ומה יעשה בלובלין בידים ריקות? נזכר בידיד שהיה לו בהאג (הולנד) ונסע לשם.

הידיד בהאג דאג לו וסוחרים יהודים נתנו לו סחורות למכירה לימי השוק. הוא הצליח טוב במסחרו ושלח לפרנסת משפחתו. אחרי שנה חסך מעט כסף וחזר לקולומביה בקחתו אתו בדים למכירה. בדרך לקולומביה עברה אנית המשא שנסע בה באי ברבדוס ועשתה שם חניה של יומיים. כמו כולם ירד גם הוא לחוף ולקח אתו מהסחורה. שאל על יהודים ושמע שאין שם יהודים כלל. ניסה למכור את הסחורה על אף פי שלא ידע את השפה המדוברת (אנגלית), הוא מכר את הסחורה בקלות וברווח גדול. ואז החליט להישאר שם ונעשה „פדלר".

אלטמן הצליח באי ושלח מיד לפרנסת משפחתו וכעבור זמן מה החל להביא את בני משפחתו אליו.

בראשונה הביא את בנו הבכור (בן 18) ואחר כך את הבן השני (בן 16) ושניהם עזרו לו בפרנסתו. בסוף השנה השניה הביא לאי את יתר בני משפחתו, את אשתו ושלוש בנותיו. בשנת 1935 פתח חנות טכסטיל וגם כאן האירה לו ההצלחה פנים. אלטמן יצר סביבו גרעין יהודי. במשך כמה שנים הביא לברבדוס מכרים מלובלין, מחלם ועוד: — את ברנשטיין, קרפס, מאסס, שפייזמן. בשנת 1936 כבר הצליח לצרף בביתו מנין לתפילה. אלטמן עצמו היה בעל תפילה, בעל־קורא מתוך חומש וגם ש"ץ לימים נוראים ובעל תוקע.

בזמן שהיה למישהו „יום זיכרון" („יאָרצייט"), עשו מנין גם בימי חול, אבל רק לתפילת ערבית. בראש השנה וביום כיפור בלבד סגרו את החנויות ולא עסקו במסחר.



אין אַ לובלינער חדר

## קהילה יהודית

בשנת 1941 בא לאי אלעזר שפירא עם אשתו והתחילו לארגן ועד קהילה. אלטמן היה ראש הקהל ושפירא — גבאי. הפעולות של הועד התרכזו מסביב למנין וסדרי בית הכנסת. כל הילדים באו לתפילה בלילות שבת ואז לימדו אותם לקדש על היין. בכל ליל שבת קידשו שני ילדים אחרים בקול, לפי התור.

ב־1946 קנה אלטמן בית והקדיש חדר גדול לבית הכנסת. את ארון הקודש קיבלו מהכנסיה הבפטיסטית בחזרה ומנורות מבית הכנסת הישן נדבו והחזירו בשמחה משפחות היהודים שהתנצרו בזמנו. כל אותו זמן המשיך אלטמן לערוך את חשבונו כל ליל שבת ויום טוב או קידוש, וביתו היה פתוח לכל יהודי. שם התאספו לשיחות ולעסקנות. אלטמן היה גם ציוני נלהב וראשון התורמים למוסדות השונים. ב־1949 אחרי שאלטמן השיא את בנותיו, עלתה אשתו הינדה לישראל ולא חזרה לאי (כנראה בגלל יחסים משובשים בינה ובין בעלה). הילדים שלחו לה כסף והיא נפטרה בישראל. ב־1950 חלה אלטמן ונותח בארצות־הברית, ושם נפטר. כל הילדים שלו שנארו באי וכולם עשירים.

כיום ראש הקהל הוא חתנו של אלטמן — לייבל שפייזמן. מי הוא לייבל שפייזמן זה? אלטמן הביא אותו במיוחד מלובלין כחתן לבתו והתחתנו באי. הוא תלמיד חכם גדול, למד בישיבת חכמי לובלין, אך אין לו ילדים. עשיר, נדבן, שומר מסורת דואג לחיים יהודיים המקובלים בין היהודים הנמצאים עוד שם. אומרים שהוא „אפיקורס", אבל הוא עומד בקשר מכתבים עם הרב סולוביציק מבוסטון, עם לואי פינקלשטיין וגם עם האדמו"ר מלובביץ, ועל חשבונו לומדים שני בחורי ישיבה בישיבת לובביץ. הוא הלך בכל יום ראשון לסמינר של הפרוטסטנטים להתווכח על יהודות ונצרות. הוא מלומד ביהדות וגם בספרות העולם.

אחרי מלחמת השחרור הגיעו לאי שליחי הארץ שהיו בדרך לדרום אמריקה. הם ערכו בכל שנה מגבית בשביל ישראל, בכל שנה אספו כ־10 אלפים דולר (מ־25 משפחות). גם לויצ"ו ול„הדסה" נשלחו ע"י הנשים היהודיות שבאי כל שנה כמה מאות דולרים. פעם דרש חלק מהיהודים שלא לשלוח כסף אלא להביא מורה לילדים. אבל הרוב החליט שלא לשנות ולשלוח את הכסף לישראל.

בדרך כלל חיו היהודים בברבדוס באחדות ועזרו בנפש חפצה איש לרעהו, וכמעט כולם חיו כמשפחה שלמה אחת. במצב הגאות היו 28 משפחות, אך כיום נשארו באי יהודים ספורים בלבד.

# צי געדענקסטו...? /

פעליציאַ
סלושני־שטערנפינקעל
חיפה

·· פאַרשידנאַרטיק זענען געווען די וועגן וועלכע האָבן אונדז, לובלינער, געפירט אין אונדזער היימלאַנד. די גאָר ערשטע זענען געקומען אַהער אַלס יונגע, באַגייסטערטע חלוצים. שפּעטער, נאָך דעם גרויסן חורבן אין די יאָרן 1939-1945, האָבן פיל לובלינער יידן פאַרשטאַנען, אַז דער איינציקער אַדרעס פאַר דער שארית־הפליטה איז ארץ־ישראל, שפּעטער — מדינת ישראל. אין פאַרלויף פון די לעצטע 20 יאָר האָבן אַ סך אויסגענוצט יענע גינסטיקע מאָמענטן, ווען די אייזערנע פאָרהאַנג האָט זיך עטוואָס אונטערגעהויבן און דערמעגלעכט אַן עלייה אין דער יידישער מדינה. צום סוף — די עלייה פונעם לעצטן יציאת פוילן, וואָס דויערט ביזן היינטיקן טאָג.

## די אייבערשטע און אונטערשטע לובלין

אין די אויגן פונעם קינד, איז די שטאָט געווען אַ גרויסע, געהיימניספולע וועלט, וועלכע מ׳וועט ערשט דערקענען ווען מען וועט אונטערוואַקסן. נאָר אַז מ׳איז אונטערגעוואַקסן — האָסטו אונטערשיידעט צ ו ו י י שטעט. די, צו וועלכער דו האָסט געהערט, איז געלעגן נידעריק, ביי אַ מוטנע טייכל, צופוסנס פונעם באַרג אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען דער שלאָס („זאַמעק״) — די באַרימטע תפיסה. דאָ איז געווען דער יידישער קוואַרטאַל, ווו אַלטע פרויען האָבן פאַרקויפט פרישע, נאָר וואָס פון אויוון אַרויסגענומענע בייגל, „דריי אַ צענערל״ און עפל, וואָס זענען אַרומגעשווומען אינעם עמער קוואַס, אָדער קאַלטע לימאָנאַדע מיט ציטרין. אָ, יידישע אָרעמקייט !...

אין דעם קוואַרטאַל האָבן אויך געוווינט פאַרמעגלעכע יידן, ווילערנערס און עם־הארצים, פרומע און וועלטלעכע. פון דער מאַסע איז אַרויסגעוואַקסן נישט איין דיכטער און קינסטלער.

די צווייטע שטאָט, צו וועלכער מ׳איז געגאַנגען באַרג אַרויף, האָט אין משך פון יאָרהונדערטער געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף דער אונטערשטער שטאָט. יענע, די פון אויבן, זענען געווען די הערשער און די האַרן. בעת זייערע האָר האָבן שעמערירט מיט די פאַרבן פון צייטיקן ווייץ, האָבן די פון אונטן געהאַט טונקעלע, געקרייזלטע האָר. בעת יענע זענען געווען ביי זיך זיכער, געהאַלטן דעם קאָפּ אין דער הייך — האָט אויף שראָקע און פאָדזאַמטשע געהערשט שטענדיקער אומרו, אַ מין האַרבסטבלעטער מיט וועלכע דער ווינט טוט וואָס אים געפעלט... די דאָזיקע יידן האָבן אָבער געהאַט אַ סך אמונה, תפילה געטאָן מיטן פנים צו מזרח, געבעטן דעם, וואָס אייביק לעבט ער זאָל זיין פאָלק פאַרשפאָרן די צרות און געפאַרן.

צי געדענקסטו ווי הויך און פייערלעך די אַלטע לייט פלעגן אויסשרייען „לשנה הבאה בירושלים ?״ פיל יוגנטלעכע האָבן די דאָזיקע בענקשאַפט־שטרעבונג־טרוים צום לאַנד פון די אָבות געוואָלט רעאַליזירן אויף אַ פּראַקטישן אופן, געפאָרן קיין ארץ־ישראל. פון די וואָס זענען געבליבן, האָבן אַ סך געקוקט אויף זיי מיט קנאה הלמאי מען געהערט נישט צו די גליקלעכע, בעת אַנדערע גאָר האָבן מיט חוזק צי רחמנות געשאָקלט מיט די קעפּ און באַדויערט די נאַיווע אידעאַליסטן־חלוצים. דערווייל איז מען אַליין געבליבן אויף יענער ערד, כדי ווייטער אויסצושטיין דערנידעריקונגען.

אויך דו האָסט צוזאַמען מיט זיי געוואָלט איבערבויען די וועלט, געטרוימט וועגן אַ גן־עדן, ווו דער ייד און פּאָליאַק וועלן זיין גלייכע בעלי־בתים. האָסט דעמאָלט אפילו נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז דער וועג וועלכן האָסט אויסגעקליבן, וועט פאַרפירן און אַנטוישן.

## געבליבן זענען די מיט דער אילוזיע...

ס׳איז געקומען די טראַגישסטע תקופה, ווען דער ברוטאַלער היטלעריסטישער שטיוול האָט געטרעטן אין לובלין. אויך דו ביסט געווען צווישן די, וואָס זענען אַנטלאָפן אויף יענער זייט בוג. אָבער צענדליקער טויזנטער יידן זענען געבליבן אין אונדזער שטאָט, כדי דערנאָך אָנצופילן די טויט־לאַגערן און געטאָס ווו זיי האָבן געפונען דעם טויט אין די גאַז־קאַמערן, קרעמאַטאָריעס און מאַסן־דערשיסונגען.

ווען מיר זענען נאָכן חורבן צוריק געקומען אין דער שטאָט ווו עס האָט אַמאָל געברויזט אַ יידיש לעבן אויף שראָקע, נאַדסטאַווגע, פאָדזאַמטשע — איז שוין גאָרנישט געווען : קיין מענטשן, קיין הייזער. צי געדענקסטו די שוידערלעכע פוסטקייט ?

דער רוב פון די ניצול־געוואָרענע האָט נישט געוואָלט מער בלייבן אויף דער פאַרשאָלטענער ערד, וועלכע איז געווען דורכגעווייקט מיטן בלוט פון אונדזערע נאָענטסטע. זיי האָבן זיך געלאָזט אויף אַ נייעם וואַנדער און אָנגעקומען קיין ישראל. געבליבן זענען די וועלכע האָבן נאָך געהאַט די אילוזיע, אַז זיי וועלן דאָרט אויפבויען פאַר זיך און פאַר די קינדער אַ ניי לעבן. אַלע זייערע כוחות און גלויבן האָבן זיי אַוועק געגעבן דער „סאָציאַליסטישער״ פוילן. ס׳האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז דער ייד דאָרטן איז פונקט ווי פריער אַ פרעמדער גוף, ווייל אונטער דער שרייענדיקער קאָמוניסטישער פראַזעאָלאָגיע האָט זיך אַנטפּלעקט אַן עקלהאַפטער אַנטיסעמיטיזם.

געדענקסטו ווי יידן האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן זיך דערנענטערן איינער צום אַנדערן ? די לובלינער יידן וועלכע האָבן געוווינט אין וואַרשע, פלעגן זיך אָפטער טרעפן. איינער האָט געזוכט ביים צווייטן אַן אָנשפּאַר, דערמוטיקונג, טרייסט. נאָר פאַר אונדזערע קינדער זענען די אַלע לובלינער פריינד געוואָרן „פעטערס״ און „מומעס״. מיר זענען פון צייט צו צייט געפאָרן קיין לובלין און מיט עטלעכע יאָר צוריק געזאָרגט דערפאַר, אַז עס זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ דענקמאָל לזכר די אומגעקומענע יידן אין לובלין.

אין די חדשים מאַי און יוני 1967 האָבן מיר מיט דער גרעסטער אומרו און זאָרג נאָכגעפאָלגט די געשעענישן פאַר, בעת און נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. צי געדענקסטו מיט וואָס פאַראַ איינגעהאַלטענעם אָטעם מיר האָבן זיך צוגעהערט צו די אוידיציעס פון „קול ישראל״ ? צי דערמאָנסטו זיך די אומגעהויערע פרייד וואָס האָט אַלעמען באַהערשט נאָכן נצחון? אין יענע טעג האָבן מיר העכער אויפגעהויבן אונדזערע קעפּ און זיי שוין נישט אַראָפּגעלאָזט, טראָץ דער וויסטער אַנטי־יידישער און אַנטי־ישראלדיקער העצע פון גאָמולקאַ און מאָטשאַר, לויטן נוסח פון היטלער און געבעלס. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רדיפות. אויף פאַרזאַמלונגען, אין די אַמטן, אינסטיטוציעס און פאַבריקן האָט מען געפאָדערט צו פאַראורטיילן די „ישראלדיקע אַגרעסיע״ און צו באַזייטיקן די יידן פון דער אַרבעט. דער מכשפות־געיעג אויף יידן איז זיך פונאַנדערגעוואָקסן.

די אַנטיסעמיטישע בלאָטע האָט זיך צעגאָסן איבער גאַנץ פוילן. די פּראָווינץ האָט געוואָלט „אויסגלייכן די ליניע״ מיט

# בלובלין המשוחררת / שלמה מיטלמאַן ז״ל

מתוך ספרו של שלמה מיטלמן ז״ל „מכ־תבים מן החזית", שהופיע בתל־אביב ב־1967, בעברית ובאידיש. המו״ל — מכון רינגלבלום; העורך — דוד שטוקפיש.

להלן — אחד מן ה־60 המכתבים שנשלחו מן החזית ע״י שלמה מיטלמן, בן לובלין, סמל בצבא הפולני — אל בן עירו וחברו מאיר שילדקרויט יב״ל. ש. מיטלמן נפל בקרב על וורשה, ב־21.11.44.

מאיר יקירי,

אני כותב לך בשעת הפסקה בצעידה. עייפתי מאוד, רגלי כואבות מההליכה המתמדת, אך אין דבר. אני הרי דורך על אדמתנו, עובר את עירנו האהובה, וקבלת הפנים החמה והנלהבת מרוממת את כולנו בהליכה המתמדת הזאת. האוכלוסיה מכסה אותנו בפרחים, בממתקים, בסיגריות ובב־שיקות.

הייתי ברחוב אחד־במאי אשר בלובלין ובשוק. לא הצצתי אפילו לדירתנו, לשם מה? לראות את הדיירים החדשים? ונוסף — את הצער הגדול ביותר על גורל אחינו וקרובינו, מות העינויים שלהם. לא, אין להוסיף עוד טיפת רעל קטנה זו, שאיזה אַנטאק או באַרטאק יושב עתה בדירתך...

שוחחתי עם כמה יהודים שניצלו בפרטיזנקה. אך זה את־מול יצאו מהיערות. הם סיפרו לי, כי נשארו כעשרה או חמישה־עשר יהודים. במרירות מדברים הם על העובדה שה־שכנים מסרו בידי הגסטפו רבים, רבים משלנו. מכרי ליפצקי הרופא, אשר ריפא את אשתי לאחר לידתה את ילדתנו, סיפר לי, שהציל את אשת הרוקח לאם. גם דב שלימאק מהט־חנה חי.

בעמדי אתם ברחוב ביחאַבסקי, והם שואלים ומתעניינים בתפקידנו וכוחנו, מתקרבת לפתע נערה צעירה ומבקשת לשוחח עמי. אנו פונים הצדה. היא לוקחת אותי בזרועי ומתרפקת בכוח ופורצת בבכי:

— אני נורא שמחה כשאני רואה יהודי...

היא מסתכלת כה וכה אם אין מבחינים בה. עדיין היא בפחד, מבוהלת מאוד. שם משפחתה וקסמן, התגוררה פעם ברחוב נארוטוביצ'ה. כל אותו הזמן חיתה אצל משפחת פקיד משכילה, אך הם לא ידעו דבר על יהדותה. אלוהים ישמור!

— כה סבלתי באופן מוסרי — היא ממשיכה — בבית השכנים שמעתי די והותר על היהודים והיה עלי להעמיד פנים שגם אני נגדם. ודבריהם האנטישמיים שמענו גם לאחר שכמעט כל יהודי העיר נרצחו...

— אבין לרוחך, ילדתי — אמרתי לה — שכחי, כשם שאני משתדל לשכוח כל שראיתי ורואה. עוד יהיה טוב, שוב נתחיל לחיות מחדש. היי שקטה, עתה יכולה את לומר בבטחה, שיהודיה את. עתה הגיע זמן חדש לכולם ולנו בתוכם...

והיא, מסכנה כל־כך, נבהלה, מבקשת ממני שלא לספר לאיש מאלה שאתם דיברתי לפני כן שיהודיה היא. אין אני משתומם לפחדה אפילו עתה. אני מבין לרוחה. אנו צועדים כילדים קטנים, אוחזים הדדית ידיים ושמחים כאח־ואחות. אני החייל בעל המקלע על זרועו, והיא — זוהרת, נולדה מחדש, צעירה, נבהלת, אך בת ישראל בלונדית נאה...

ברחוב שלי פגשתי עובדי רכבת מוכרים. הם מתנשקים אתי, מזמינים אותי לכוסית לבתיהם. אני נענה להם ברצון. אכלתי ושתיתי לרוב. אצל כל אחד מקצת. יחי הפרולטריון שלנו!

...אני ראיתי את מחנה מיידנק המפורסם של לובלין בזוועתו. במכתבי הבא אתאר לך אותו. הסביבה היהודית הרוסה וחרבה. הרחובות רוסקה, שרוקה, פורמנסקה, קרא־וויאצקה וסמטאותיהם — מיושרים עם האדמה. בעיר מת־גוללים מכוניות הרוסות, טאנקים שבורים, פגרי סוסים מב־אישים. אין זמן לסלקם. פני הצבא האדום והפולני מערבה, לוורשה ולברלין. הם דולקים אחר ה„פריצים" להשמיד את האוייב בארצו הוא. יעזור לי אלוהים שאראה בנקמה הנכספת ושאשתתף בקרב הקדוש. אני מסיים כי ניתנה הפקודה לזוז. להתראות, היה בריא. כתוב.

שלך שלמה

---

דער הויפטשטאָט. אין קעלץ און אין ראַדאָם האָט מען גע־טראָגן טראַנספּאַרענטן אויף וועלכע ס'איז געווען אָנגעצייכנט אַ ריזיקער בעזים וועלכער קערט אויס די מאַשקעס מיט זייערע קרומע נעזער... און אין אונדזער היימשטאָט לובלין האָט גע־ווילדעוועט דער אַנטיסעמיטיזם. בראש פון דער אַקציע איז גע־שטאַנען קאָזדראַ, דער ערשטער סעקרעטאַר פון וואָיעוואָדישן פאַרטיי־קאָמיטעט, און די טאָג־צייטונג „שטאַנדאַר לודו", מיטן „ספעץ" פאַר געשיכטע פון די לובלינער יידן — סעמיאָן. מען האָט כסדר געהעצט קעגן די איינצלנע יידישע משפחות אין לובלין.

ביי אַזעלכע־אָ באַדינגונגען און אַטמאָספער האָבן מיר פאַר־לאָזט פוילן. געדענקסט, ווען דו האָסט דער ערשטער אָנגעגעבן אויף צו פאָרן קיין ישראל און מיט אַ וואָסער שרעק ביסט אַרום געגאַנגען, קוים ווען די הערשער חרטה האָבן אויף זייער באַ־שלוס אַרויס צו טרייבן די יידן פון פוילן און די אַרויספאָר־דערלויבעניש וועסטו נישט באַקומען? וויפל ביוראָקראַטישע שטע־רונגען האָט מען באַדאַרפט גובר זיין, כדי ענדלעך זיך געפונען אין דער באַן וואַרשע־ווין?

## אין דער נייער און „אַלטער" היים

אָוונט. פון דער טעראַסע אין מיין חיפהער וווינונג זעט זיך גוט אָן די פּאַנאָראַמע פון חיפה. די שטאָט פינקלט מיטן אָפשיין און גלאַנץ פון טויזנטער ליכטער. אין אַזאַ מאָמענט גיט מען אַ שווים אַוועק אויף די כוואַליעס פון דערינערונגען און מחשבות. נאָר די זכרונות פון יענע טונקעלע טעג ווערן פאַרווישט און פאַרנעפלט אין אָנבליק פון דער נייער ישראלדיקער ווירקלעכקייט. עס האָט אַ סוף גענומען צו אונדזער נע־ונד. דאָ איז אונדזער היים, דאָ איז אונדזער אמתדיק פאָטערלאַנד.

אונדז, נייע עולים, האָט די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל אויפגענומען מיט אַ סך וואַרעמקייט און האַרציקייט, אין וועלכן מיר האָבן זיך אַזוי שטאַרק געניייטיקט נאָך די אַלע איבערלעבונגען. אַזאַ פריינדלעכע זאָרג און משפחהדיקייט שאַפן די געהעריקע שטימונג און געפיל ביים שטעלן די ערשטע טריט אין לאַנד, ביים איינאָרדענען זיך. צו ידער נייער היים און היימ־לאַנד האָסטו צו באַקומען עפעס פון דער גוטסקייט און וואַרעמ־קייט פון דער אַלטער היים...

---

די יערלעכע אזכרה אין 27סטן יאָרטאָג פון אומקום פון די לובלינער יידן קומט פאָר מיטוואָך, דעם 26.11.69, אין תל־אביב, אין בית המלין. (פרטים אויף זייט 20)

# עלילת הדם בלובלין בשנת 1636

**בלה מנדלסברג־שילדקרויט ז״ל**

מתוך ספרה „מחקרים לתולדות יהודי לובלין״ שהופיע בתל־אביב, תשכ״ה (עברית, אידיש, אנגלית). עמ׳ 210.

...באווירה כזאת יצאה עלילת הדם על יהודי לובלין בשנת 1636 : בני לובלין, הרופאים ירמיה ושמואל, אביגדור בן משה, לוי בן שלמה, יצחק ואברהם בן יצחק, הרבנים שלמה ולוי בן יוסף, אלעזר בן קלמן וכן כלל יהודי לובלין, נאשמו בזה, שהסיתו את הרופא היהודי מלובלין מרדכי (מארק) כירורג ואת הנוצרי־הלותראני יאן סמיט לרצוח נער נוצרי, הדיוט ממנזר הכרמליטים בלובלין, כדי להשתמש בדמו בפולחן הדתי שלהם. הנאשמים הראשיים שהואשמו בביצוע הרצח עצמו היו : הרופאים מרדכי כירורג ויאן סמיט ועוזריהם ומשרתיהם לוי ומשה. קרבן הרצח פאוול היה מוכר היטב לאוכלוסי לובלין, כי היה מקבץ תרומות מטעם ממוני המנזר לצדקה. מרדכי כירורג הואשם שהערים על ההדיוט פאוול, בעת שהלה יצא ב־27 ביולי 1636 לקבל תרומות מן הנדבנים. כאשר עבר פאוול דרך שכונת היהודים ניגש אליו מרדכי כירורג, שארב לו במיוחד לשם כך כדי למשוך אותו לתוך ביתו. מרדכי כירורג הוליך אותו כביכול למרתף שבקרבת בית הכנסת. בדרך נלוו אליהם יאן סמיט ומשרתו. במרתף נערך טקס מיוחד : יאן סמיט הקיז את דמו של פאוול ומרדכי כירורג קלט את הדם שזב בשפע לתוך כלים שהוכנו לכך וזימר שיר תפילה בנעימת קינה. עם סיום הטקס השיבו את רוחו של פאוול, ולאחר מכן השביעוהו שלא יספר לאיש דבר מן הנעשה לו והוציאוהו לחפשי. כעבור זמן מה גילה פאוול את הסוד לממונים עליו והללו מסרו את היהודים לדין. פאוול אישר בשבועה את אמיתות הודעותיו. המשפט נערך לפני בית־הדין הגבוה ב־7 באוגוסט. ביה״ד ציווה לערוך חקירה, ואם יהיה צורך, למסור את הנאשם מרדכי כירורג לעינויים. הנאשם עונה בעת החקירה עד שהודה באשמת השוא, ובית־הדין דן אותו לגזור אותו לגזרים, להוקיע את ראשו המותז על מוט ולהציבו מחוץ לעיר על פרשת דרכים ולשרוף את גופו המבותר, כדי שלא יישאר ממנו זכר. על משרד הווייבודא הוטל להוציא לפועל את פסק הדין. דברי מחבר בן הדור מעידים, שאכן הוצא פסק הדין אל הפועל : „...אחרי כן קרעו בביזיון לגזרים את אחינו בלובלין, אף הגדילו לעשות שלא חננו את הזקנה. מרדכי היה יהודי בא בימים ובכל זאת שנותיו לא הצילוהו מידי המוות. הוא היה בידיו של התליין...״.

אנו למדים מכאן, שהעד היחיד היה המאשים בלבד. די היה שהמאשים פאוול יאשר את ההאשמה בשבועה, בשביל למסור את הנאשם לעינויים. והעינויים בחקירתו היו נוראים. בית־הדין הורה שצריך לחקור את הנאשם אפילו על־ידי שימוש באש. על טיב העינויים שמשרד החקירות של לובלין השתמש בהם בחקירה, יכולים להעיד דברי המחבר בן הזמן, מיצ׳ינסקי, שבסיפורו על עלילת הדם בשנת 1598 הוא אומר על חקירת הנאשמים כדברים האלה : „כשנשאלו היהודים הנ׳כרים למה להם דם נוצרים הודו, לא מיד, שהרי היו מבוצרים היטב מאחורי כשפיהם, אלא לאחר שגילחו את ראשיהם וזקניהם ולאחר ששפכו על גוום ועל ראשיהם יין שרוף הרבה ושלחו בהם אש, הודו שהם משתמשים בו, מי למצוות, מי ליין...״. ברור, שבעינויים נוראיים כאלה אדם מודה בכל מה שרוצים ממנו. באותו אופן הוכרחו אלפי אנשים בארצות אירופה רבות להודות, שהם עושים מעשי כישוף. ועוד, המאשים פאוול לא נבדק בשביל לקבוע אם תשישות גופו היתה מחמת הקזת דמו, או מחמת מחלה. הנוהל המשפטי בימי הביניים לא ידע דרכים אחרות של חקירה משפטית, וחקירת נאשם בעינויים נחשבה כיעילה ביותר. מובן מאליו, ששיטות אלה של ימי הביניים גרמו, שלא חף מפשע אחד בלבד הוציא את נשמתו.

אַ סדר פסח פאַר יידישע זעלנער (אין 1923), וועלכע האָבן געדינט אין 8טן פולק אין לובלין. עס זיצן (אין צענטער): פנחס נאָמבערג ז״ל (פון קהילה־ראַט) און דער מיליטערישער ראַבינער.



ליל סדר פסח בשנת 1923 לחיילים יהודים ששרתו בגדוד השמיני בלובלין. יושבים במרכז: פנחס נומברג ז״ל (מטעם ועד הקהילה) והרב הצבאי.

# הפרוטוקולים של היודנראט בלובלין / יוסף פרידלנדר

הפרוטוקולים של היודנראט בלובלין הם „הארכיון היחיד של היודנראטים באירופה המזרחית (פרט לארכיון של מ. ח. רומקובסקי, זקן היהודים בגיטו לודז'), אשר השתמר כמעט בשלמותו". הם נתפרסמו כעת בידי נחמן בלומנטל (תעודות מגיטו לובלין, יודנראט ללא דרך, הוצאת „יד ושם", ירושלים תשכ"ז). הפרוטוקולים של היודנראט בביאליסטוק, שפורסמו לפני־כן, נבעו מהעתקים שנעשו ונשמרו בידי המחתרת היהודית. הפרוטוקולים הלובליניים נשמרו בידי הגרמנים מעת חיסול גיטו לובלין בנובמבר 1942 ונפלו בידי השלטונות הפולניים, עם שחרור העיר על ידם.

כבר בימים הראשונים של הכיבוש הגרמני זכתה לובלין ל„תשומת־לב" מיוחדת. הגרמנים האמינו שיהדות פולין היא המקיימת את יהדות מערב־אירופה וצפון־אמריקה באמצעות מהגרים יהודים שומרי מצוות ומסורת. אלמלא „המשולחים" היהודים, היו יהודי המערב מתבוללים ונטמעים בין הנוצרים מזמן. מרכזה של יהדות פולין היה לדעת המומחים הגרמניים, בלובלין. כאן התכנס „הפרלמנט היהודי" — ועד ארבע הארצות — ישיבת חכמי לובלין. לפיכך נקבעה לובלין וסביבתה כמרכז ה„רזרבאט" היהודי וזאת — לפי הצעתו של אלפרד רוזנברג, גדול ה„מומחים" ליהדות בצמרת הנאצית. גם ההשמדה החלה בלובלין, לפני שפשטה בישובים יהודיים אחרים וסמוך לעיר הוקם מחנה המוות סוביבור.

אפיו המיוחד של היודנראט בלובלין היה בכך, שהוא שימש המשך ישיר של מוסדות הקהלה היהודית שנתקיימה בימי השלטון הפולני. בתקופת הכיבוש הראשון היו כל חבריו נבחרי הצבור, נציגי המפלגות הציוניות, הדתיות והסוציאליסטיות, שנאבקו ביניהן על ההשפעה בחיים היהודיים. על ידי כך היה קיומו של היודנראט כעין המשך ישיר של קיום הקהלה, אף־על־פי שתנאי הקיום היו שונים לגמרי. כתוצאה מכך ואולי כתוצאה מסיבות נוספות, לא הבינו נציגי היהודים, שהיו ללא־ספק נאמנים ומסורים לכלל ישראל.

למרות הכרתם הלאומית ועברם הצבורי הגדול, לא הרגישו ולא תפשו חברי היודנראט עד לסופם המר, כי „עם בואם של הגרמנים השתנה העולם לחלוטין", כי קם „מוסר חדש" ו„אידיאלים" חדשים וכי הגרמנים מוליכים אותם שולל לקראת ההשמדה הסופית. זו היתה טעותם של יודנראטים רבים בפולין, שלא הבינו, עד כמה הם משמשים כלי־משחק בידי הגרמנים. אולי הבינו זאת מנהיגי הגיטאות בביאליסטוק ובלודז' — בארא‏ש ורומקובסקי, שניסו להרוויח זמן. ולעשות את קיומו של הגיטו כדאי ויעיל לתעשיה הצבאית הגרמנית. אמנם הבנה זו, אם היתה להם, לא עמדה להם ביום החיסול הסופי, אך אפשר לטעון זאת לזכותם. לעסקני היודנראט בלובלין חסרה הבנה זו לגמרי. מכל מקום אין הפרוטוקולים מעידים על כך.

## בלי תיאור האימים

הפרוטוקולים כתובים בשפה הפולנית וערוכים בקיצור נמרץ ואי אפשר ללמוד מהם כלום על הזוועות ועל האימים של התקופה.

אפשר לטעון שהיהודים, שידעו, כי הפרוטוקולים פתוחים לפני הגרמנים, פחדו להנציח בהם משהו ממאורעות הימים. את המקום הראשון במעלה תופסים ענינים פורמליים, תקנונים ופרוצדורות וכל מיני ענינים קטנים, „שבשנים כתיקונן" אין להם כל חשיבות. הפרוטוקולים של גיטו ביאליסטוק נכתבו מול האש ששרפה בהדרגה את יהודי הגיטו. בפרוטוקולים של לובלין אין זכר לאירועי השואה. היתכן שפרנסי הצבור מכל הגוונים החברתיים לא ראו להיכן הם הולכים? אין ספק, שראו את הסכנות והם חיו את המציאות של הימים הנוראים, שהיתה מלאת גירושים, רעב, מחלות, עוני והשמדה. יתכן שמתוך פחד השתדלו במיוחד שלא יהיה בפרוטוקולים שלהם כלום מן הזעקה הגדולה והמרה של יהודי לובלין בעת ההיא.

היו חיכוכים בין חברי היודנראט והיתה קנאה ושנאה, קנאת־כבוד ושנאת־חנם, שאפיינו את החיים הצבוריים היהודיים בפולין שלפני המלחמה. היתה הטחת־עלבונות ובקשת־סליחה והיו קנסות והרחקת חברים מן היודנראט. והיו אפילו ישיבות־אבל לזכר חבר שזכה למות מיתה טבעית, עם החלטות מיוחדות של עריכת ההלוויה על חשבון היודנראט, הפסקת העבודה במשרדים, קביעת שמות המספידים ומקום ההספדים — הכל כדאשתקד, כאילו לא היו גרמנים בעולם. כאילו לא היו בגיטו וכאילו לא הלכו לקראת הסוף המר והנמהר.

ישיבת־אבל כזו היתה ישיבתו האחרונה של היודנראט. שמונה ימים לאחר מכן הובלה שארית האוכלוסיה היהודית בלובלין, שמנתה לפני המלהמה כארבעים אלף נפש, למידאנק. ביום ה־3 בנובמבר 1943 חוסלו שרידי יהודי לובלין במחנה זה באקציה מיוחדת שנקראה רשמית Erntefest („חג הקציר„). וכך בא הקץ לקהילת לובלין שנתקיימה כשבע מאות שנים.

## קריאה מהצד ההפוך

ואולי צריך לקרוא את הפרוטוקולים של היודנראט בלובלין מצד של איפכא מסתברא, ממה שאין בהם, ממה שחסר בהם במתכוון. יתכן, כי השלווה האופפת אותם, כי כל דקדוקי הגבאות ומריבות העסקנות הממלאים את מאת ושמונים הפרוטוקולים של „ועד־הקהילה" האחרון של ק"ק לובלין, לא באו אלא להבליג על הזעקה שלא ניתן בכלל להעלותה על הנייר. שהרי מוראות השואה לא היו דומים לגזרות ולפורענויות שעברו לא פעם על קהלה מפוארת זו, שאחריהן שוקם הישוב היהודי מחדש וסליחות וקינות נכתבו לזכר ההרוגים והפרעות. הפעם אבדה לנצח קהלת לובלין, הפעם אין טעם בחבור פיוטים ופזמונים. ויתכן מאד, כי פרנסי לובלין האחרונים ראו וידעו ושמעו והרגישו את רעידת־האדמה ההולכת ומתקרבת ועוד מעט ותבלע אותם והיו — כלא היו, ומשום כך — ודווקא משום כך — המשיכו במשחקם הדימוקראטי מול האש ובתוך האש. ואולי זה גילוי מיוחד של גבורה יהודית, אשר ראתה שהכל אבוד ושהכל מידרדר לתהום והמוצא היחיד הוא להחזיק מעמד, לא למוטט את העצבים ו„לשחק" את „התפקיד הצבורי" עד לרגע האחרון.

(„מעריב")

---

מיר ווילן גלויבן, אַז צו דער אזכרה איבעראַיאָר וועט אונדז געלונגען ווידער אַרויסצוגעבן „לובלינער שטימע" נומ' 4 — דעריבער ווענדן מיר זיך שוין איצט צו אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל און אין די תפוצות:

**שיקט אַריין זכרונות פון דער אַלטער היים, טעטיקייט־באַריכטן פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, באַגריסונגען צו שמחות, אינטערעסאַנטע בילדער, מיטגעפיל־אַנאָנסן (נעקראָלאָגן) און אַנדערע מאַטעריאַלן.**

שיקן אויפן אַדרעס:

Dawid Sztokfisz, Shderot Hacanchanim 14, Ramat-Gan, Israel

# לובלין, 1942

**(פראַגמענט פון מיינע זכרונות פון דער טראַגישסטער תקופה פאַרן יידישן פאָלק)**

**חנה פערעוואָסקאַ / תל־אביב**

...נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ זאַקשוועק, ווו אַהין כ'האָב זיך געהאַט געראַטעוועט מיט מיין קינד פון וואַרשעווער געטאָ מיט דער הילף פונעם פּאָליאַק סאַוויצקי — האָב איך בלית־ברירה זיך געלאָזט צופוס קיין לובלין מיט דער האָפענונג צו דערגרייכן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ שטיקל ברויט פאַר זיך און מיין 10־יאָריק טעכטערל שפרינצעלע. אין לובלין, ווו מיין קינד איז געבוירן געוואָרן, האָב איך געהאַט משפחה און פריינד און גע־גלויבט, אַז זיי לעבן נאָך און כ'וועל דאָרט געפונען שוץ.

נאָך אַ וועג פול מיט שטרויכלונגען, זענען צוויי צעבראָכענע און אויסגעמאַטערטע יידישע נפשות, אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער, אָנגעקומען קיין לובלין.

ווו גייט מען? איך וויל אונטערוואַרטן ביז עס וועט ווערן טונקל און דעמאָלט צוגיין צום פעטער — מיין לעצטע האָפענונג. זענען מיר געגאַנגען איבער הייף, פאַרמאַכט זיך אין קלאָזעטן, פון איינעם אַרויס און אין צווייטן אַריין, ביז מיר זענען אָנגע־קומען צו דער קריסטין פיעטזשיקאָווסקאַ, די באַלעבאָסטע פון דעם הויז ווו מיר האָבן געהאַט אונדזער געשעפט, אויף ביכאַווסקאַ 5, לעבן דער שול. זי געדענקט מיך נאָך פון די קינדער־יאָרן, אָבער לאָזט אונדז נישט איבער דער שוועל. מיין מאַמע פלעגט שטענדיק זאָגן אויף איר, אַז זי איז אַן אַנטיסעמיטקע. איך וויל אַריין אין דער שול, נאָר זי איז פאַרהאַקט מיט ברעטער. איין ברעטל איז אַוועקגעריסן. דאָ האָבן אַוודאי געזוכט אַ באַהעלטעניש אַזעלכע פאַרבלאָנדזשעטע נשמות ווי מיר.

אויסגעמאַטערטע און דערשראָקענע לאָזן מיר זיך גיין אויף קראַקאָווסקע גאַס, צום פעטער העניך אַקערמאַן.

ווען מיר האָבן עמעצן דערזען, זענען מיר אַריין אין אַ טויער, באַהאַלטן זיך ווי מייז — און אַזוי דערשלעפּט זיך אויף דער קראַקאָווסקע פשעדמיעשטשע.

איך דערלעב שוין צו זען דאָס הויז. אַ ציטערדיקע, קלינג איך אָן צום הויז־וועכטער. ווען איך פרעג זיך אויף דער פאַמיליע אַקערמאַן, דערקען איך אויף זיין פּנים אַ מענטשלעך געפיל. ער זאָגט, אַז שוין אַכט טעג ווי מען האָט זיי גענומען אויפן „זאַמעק", אין דער תפיסה. ער האָט זיי אַ פּאָר מאָל געטראָגן עסן, אָבער די וואָך, ווען ער איז דאָרט געווען, האָט מען אים געזאָגט ער זאָל מער נישט קומען, ווייל זיי זענען שוין נישטאָ.

אויסגעלאָשן אונדזער לעצטע האָפענונג. אין מיין פאַרגליווערט האַרץ האָב איך זיך געטראַכט: זיי זענען שוין די בייזע וועלט איבערגעקומען. נאָר וואָס מיט אונדז וועט נאָך פאָרקומען — ווער ווייסט?!...

מיר גייען צוריק אויפן זאַמד (אַזוי האָט מען גערופן די געגנט פּאָקסאַלנע, ביכאַווסקע א. אַ.). אויפן וועג צוריק האָב איך שוין נישט קיין מורא אַז מען וועט מיך כאַפּן. איך זוך שוין אַליין דעם אומ־פאַרמיידלעכן טויט, איך וויל ער זאָל ווי אַמשנעלסטן קומען. מיר ווייטיקט מיין האַרץ, זעענדיק מיין אָרעם קינד. עס פאַלט מיר איין אַ געדאַנק אַריינצוגיין אין דעם דריטן קאָמיסאַריאַט. פאַר דער מלחמה האָט דאָרט געאַרבעט אַלס פּזשאָדאָווניק דער ייד יאַקוב טענענבאַום. איך האָב באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו דער פּאָליציי און פאַררופן זיך אויף טענענבאַומען, וועלכער איז געווען מיינער אַ קרוב און בעטן די פּוילישע פּאָליציאַנטן זיי זאָלן אונדז שיסן. מיר ווילן נישט אַריינפאַלן צו די דייטשן.

איצט מוז איך אָנהייבן צוגרייטן דאָס אָרעמע קינד צום טויט.

וואָס אַ יידישע מאַמע האָט אַלץ געמוזט אַדורכמאַכן. איך וויל עפּעס רעדן — און ווייס נישט ווי אַזוי. ציטערדיקע שטייען מיר אין אַ טויער עק פּאָקסאַלנע און פּלאַץ ביכאָווסקע. דאָס הויז האָט גע־הערט צו דער פאַמיליע פיין. אין יאָר 1942 טאָר אָבער קיין יידישער פוס נישט אַריבערטרעטן דאָרט, אַפילו נישט שטיין אין דעם יידישן טויער. דער ווינט בלאָזט פון אַלע זייטן. דער טאָג וויינט מיט אונדז מיט. איך רעד צו מיין אָרעם קינד. מיך שטיקט אין האַלדז. איך קען אָבער נישט אַרויסרעדן דאָס אַלץ וואָס איך דאַרף איר זאָגן. איך בין אַן אומבאַהאָלפענע יידישע מאַמע: איך שטרענג זיך דאָך אָן צו רעדן מיט אַ שמייכל, הגם די טרערן שטיקן מיך:

— „ווייסט סאַבטשו (אַזוי האָט געהייסן מיין טעכטערל), אין הימל איז דאָ אַ שיינע, וואַרעמע, ליכטיקע וועלט. מיר אַלע וועלן דאָרט זיין צוזאַמען מיט דער מומע חנה, מיט שרהלען, מיט מאירלען, מיט נחמיהלען, מיט חנהלען, דבורה און שולמית.

דאָס קינד פרעגט מיך: — ווי אַזוי קומט מען דאָרט, וואָס רעדסטו עפּעס, מאַמע?

האָב איך איר געזאָגט, אַז עס גיבט נאָר ווי אַ שטאָך מיט אַ נאָדל, שפּעטער פילט מען גאָרנישט. דאָס קלוגע קינד האָט אַלץ פאַרשטאַנען און אָנגעהויבן וויינען. זי האָט מיך געבעטן, אַז פאַרן אוועקגיין זאָל איך איר קויפן ברויט מיט אַן איי.

ווען מיר זענען אַרויס פון טויער, האָב איך געוואָרפן אַ בליק אויף דעם הויז ביים קינאָ „ווענוס", ווו עס איז פריער געווען דאָס מאַנופאַקטור־געשעפט פון מיין קוזין סומער אַקערמאַן. אין דעם מאָמענט האָב איך דערזען ווי פון דער פּאָקסאַלנע גאַס קומט אָן אַ טראַנספּאָרט פון אַלטע און יונגע יידן, מאַמעס, טאַטעס און קינדער. איך ווער צעטומלט און ווייס נישט וואָס צו טאָן: קויפן ברויט פאַרן קינד, צי אַריינלויפן אין טראַנספּאָרט. איך האָב זיך אומגעקערט און דערזען אַ יידישן קריגס־געפאַנגענעם אין אַ פּוילישן מונדיר. איך דערקען אין אים אַ ברודער פון אונדזער געליטן פאָלק. איך זע ווי די טרערן שטיקן אים, קוקנדיק אויף דעם טראַנספּאָרט, וואָס האַלט זיך נאָר אין איין ציען. איך זאָג צו אים מיט האַרצווייטיק און צער: „בראַטשע דראָגי (טייערער ברודער), וועלן מיר אויך גיין צוזאמען מיט אַלע אונדזערע?" ער זאָגט: „ניין, ניין, זיי אַלע גייען צום טויט..."

א קוואַל פון טרערן האָט אַ פלייץ געטאָן פון מיינע אויגן. דאָס איז געווען דער ערשטער ייד, מיט וועלכן איך האָב זיך געקענט טיילן מיט מיינע ליידן נאָך אַזוי פיל צייט. איך זאָג אים, אַז מיר האָבן נישט קיין אַנדערן אויסוועג, מיר קענען זיך מער נישט אַרומוואַלגערן. זאָגט ער איך זאָל צוּוואַרטן אין טויער ביז עס וועט ווערן טונקעלער און דאַן זאָל איך אַריינגיין אויף ביכאַווסקע 16, צום סטרוזש מיקאָליי פּאָסטאַלאָווסקי. (דאָס הויז האָט פריער געהערט צו בער שלימאַק). ער האָט געזאָגט, אַז איך זאָל זיך פאַררופן אויף גאָלדבערגן, ער אַליין וועט צוקומען ביינאַכט.

מיר האָבן זיך אַריינגעגנבעט צו דעם סטרוזש. דאָרט האָב איך איבערגענעכטיקט אין קאַמער — די לעצטע נאַכט מיט מיין קינד. מיר האָבן דאָרט באַקומען אַ ביסל טיי און עסן. מיין קינד האָט מיך אַרומגענומען, געקושט פון פרייד, אַז מיר האָבן געטראָפן אַ ייד און אַז מען האָט אונדז אַריינגעלאָזט אין אַ קאַמער. יאָ, דאָס איז געווען די לעצטע, גליקלעכע נאַכט מיט מיין קינד.

צומאָרגנס האָבן מיר זיך צעשיידט אויף אייביק. דער גורל האָט געוואָלט פונקט פאַרקערט ווי איך האָב געמיינט. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל איבערלאָזן דאָס טעכטערל ביים סטרוזש און

זי ראַטעווען, בעת מיר וועט דער טויט אָנקומען גרינגער. געשען איז אָבער אַנדערש...

ערשט נאָך דער באַפרייונג האָב איך זיך דערוווּסט וואָס ס'איז געשען מיט מיין טעכטערל. נאָר וועגן דעם זאָלן דערציילן צוויי אָפיציעלע דאָקומענטן, געשריבענע אין אַן אַמטלעכער, טרוקענער שפּראַך. איך אַליין בין נישט אימשטאַנד ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל זיך אומצוקערן צו דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט מיך געטראָפן — און וואָס באַגלייט מיך ביזן היינטיקן טאָג...

שטאָט פאַרוואַלטונג אין לובלין
אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער הילף
אָפּ. III/324/3/ב.

לובלין, 5.10.1945

ב אַ ש ט ע ט י ק ו נ ג

די אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער הילף ביי דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אין לובלין באַשטעטיקט, אַז דעם 28־סטן סעפּטעמבער 1942 איז אין ביוראָ פון דער אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער הילף געבראַכט געוואָרן אַ 10־יאָריק מיידל, וועלכע האָט זיך אָנגעגעבן אַלס סאַבינאַ סקאַלסקאַ.

דאָס מיידל האָט געבראַכט דער באַאַמטער פון דער דירעקציע פון דער לובלינער קרימינאַל־פּאָליציי, ה' הענריק קשיענזשיק, אין באַגלייטונג פון דער פרוי יאַנינאַ פּאָסטאַלאָווסקאַ, וועלכע וווינט אין לובלין, ביכאַווסקע 16. זי האָט עטלעכע טעג זיך פאַרנומען מיט דעם קינד.

דער ה' קשענזשיק האָט בייגעלייגט אַ בריוו פון דער קאָמענדאַנטור פון דער זיכערהייט־פּאָליציי און די ס.ד. פאַרן דיסטריקט לובלין, וועלכער רעקאָמענדירט אַנצונעמען דאָס קינד אין אַן אַנשטאַלט. אין שייכות מיט דעם איז סאַבינאַ סקאַלסקאַ איינגעאָרדנט געוואָרן אינעם יתומים־הויז אין טורקאָוויץ, הרוביעשאָווער פּאָוויאַט.

ווי עס דרינגט אַרויס פונעם בריוו פון דער פּוילישער פּאָליציי אין סאַהרין, הרוביעשאָווער פּאָוויאַט, דאַטירט דעם 6.3.1943, טגב. נר. 87/43 און אַדרעסירט צום יתומים־הויז אין טורקאָוויץ, אויפן סמך פון אַ טעלעפאָנישער אָנווייזונג פונעם קאָמיסאַריאַט פון דער קרימינאַל־פּאָליציי אין הרוביעשאָוו, איז דאָס קינד צוגענומען געוואָרן פונעם אַנשטאַלט דעם 5־טן מערץ 1943. פון דעמאָלט איז יעטוועדער שפּור פונעם קינד פאַרלוירן געגאַנגען.

נאַטשעלניק פון דער אָפּטיילונג: ה. קשעשינסקי

און דער צווייטער דאָקומענט:

מלוכהיש קינדער־הויז
אין טורקאָוויץ, פּאָוויאַט הרוביעשאָוו
ל. נ. 53/170/5/1

טורקאָוויץ, 18.2.1953

בירגערין חנה פּערעוואָסקאַ, בית־שאן, רחוב ד' 27, ישראל.

אַלס ענטפער אויפן צוגעשיקטן בריוו דערקלער איך, אַז די מינדעריעריקע סקאַלסקאַ סאַבינאַ, געבוירן דעם 24סטן דעצעמבער 1932 יאָר, איז אָנגענומען געוואָרן אין אונדזער אַנשטאַלט דעם 1טן דעצעמבער 1942. דעם 5טן מערץ 1943 איז זי פון אונדז אַוועק גענומען געוואָרן דורך דער נאַציאָנאַליסטישער אוקראַינישער פּאָליציי. דער ווייטערדיקער גורל פון דעם קינד איז אונדז אומבאַקאַנט.

דירעקטאָר פונעם מלוכהשן קינדער־הויז:
פּיאָנטעק ווינצענטי.

# דער בייטראַג פון לובלינער יידן

אין דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע" האָבן מיר געלייענט מיט אַ 2 יאָר צוריק:

„די פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין לובלין האָט באַשלאָסן אין שייכות מיט די פייערונגען לכבוד טויזנט יאָר פּוילישע מלוכה און די „טעג פון לובלין" דורכצופירן אַ ציקל שמועסן וועגן דער 700־יאָריקער געשיכטע פון יידישן ישוב אין דער דאָזיקער שטאָט. אַלס לעקטאָרן ווערן איינגעלאַדן געלערנטע, פּראָפעסאָרן פון די היגע הויכשולן, מיטאַרבעטער פון ביבליאָטעקן, ווי אויך פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט.

שבת, דעם 21סטן מאַי, ד. י. האָבן מיר שוין געהאַט דעם ערשטן רעפעראַט פונעם דערמאָנטן ציקל. לעקטאָר איז געווען דער לייטער פון דער קאַטעדרע פון פּאָליט־עקאָנאָמיע ביי דער לאַנדווירטשאַפטלעכער הויכשול, דאָצענט ד"ר אַלעקסאַנדער קערעק. דער רעפערענט האָט אַרומגערעדט דעם צושטייער פון די יידן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און האַנדווערקעריי אין לובלין אין 19־טן יאָרהונדערט. אַזוי, למשל, איז דער פּיאָנער פון דער טאַבאַק־בראַנזשע געווען דער ייד נעוואַכאָוויטש. ווייטער האָבן אַנטוויקלט די דאָזיקע אינדוסטריע די יידן קראָנענבערג, גאָרדאָן און קראַסוצקי — אויפבויענדיק אין פאַרשידענע געגנטן פון לובלין פאַבריקן, וואָס האָבן באַשעפטיקט צו עטלעכע צענדליק אַרבעטער. יידן האָבן אויך געבויט אין לובלין מילן, דעסטילירן און ביר־פאַבריקלעך אדג"ל. אַ וויכטיקע ראָל האָבן געשפּילט די גאַרבערייען, בראש פון וועלכע עס זענען געשטאַנען די יידן לידזקי, אייכענבוים, זילבערשטיין, זיידענבאַנד, בריקמאַן און בורשטין. אין די דאָזיקע אונטערנעמונגען זענען געווען הויפּטזעכלעך באַשעפטיקט יידישע אַרבעטער.

מיט דער בויונג און וווּקס פון דער שטאָט זענען אויפגעקומען אַלץ מער ציגל־פאַבריקן, קאַפּלאַרניעס, (זילבער, מיטלמאַן און שיף) סטאָלערייען און טאַרטאַקן. יידן האָבן אויך געגעבן אַ צושטייער צו דער אַנטוויקלונג פון דער מעטאַל־אינדוסטריע. אין דעם געביט האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט פרידמאַן, פליישער און שפּיראָ.

דער פרעלעגענט האָט פּאָלעמיזירט מיט יענע, וואָס האָבן געפּרוּווט לאַנסירן טעאָריעס, אַז יידן האָבן זיך נישט פאַרנומען מיט קיין פּראָדוקטיווער אַרבעט. אויפן סמך פון פאַקטן האָט ער באַוויזן, אַז פיל יידן זענען געווען באַשעפטיקט אַלס אַרבעטער, האַנטווערקער און בעל־מלאכות. די יידישע באַפעלקערונג אין לובלין האָט אין 19טן יאָרהונדערט באַטראָפן פון 42 ביז 57 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און איר צושטייער צו דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט איז געווען אויך זייער גרויס אין אַנדערע געביטן פון לעבן.

✶

אויף אַזוי פיל — די נאָטיץ אין דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע", אונטערגעשריבן פון רוזשע שניידמאַן. נאָר אויף אַ וואָסער אופן די פריערדיקע פּוילישע רעגירונגען פון פּילסודסקי־סקלאַדקאָווסקי און די איצטיקע פון ציראַנקעוויטש־גאָמולקאַ האָבן אָפּגעדינט די יידן פאַר זייער מיטבויען און העלפן אַנטוויקלען פּוילן און לובלין בתוכם — איז שוין אַ סך טינט פאַרגאָסן געוואָרן און ס'איז נאָך פאַראַן וועגן דעם צו שרייבן און צו שרייען...

ארגון יוצאי לובלין בישראל מחפש **ג ו ב ה** — לגביית דמי־חבר, תרומות וגם להיות איש הקשר בין הועד וחברי הארגון.

תנאים טובים, עבודה מעניינת.
לפנות למזכירנו, הח' מ. ה ו ר ן,
בערב האזכרה.

די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל זוכט אַן **אינקאַסענט** אויף איינצומאָנען מיטגלידס־אָפּצאָל, באַשטייערונגען און אויך זיין דער פאַרבינדונגס־מאַן צווישן קאָמיטעט און די לאַנדסלייט.

גוטע באַדינגונגען,
אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט.
ווענדן זיך צו אונדזער סעקרעטאַר,
מ. האָרן, אין אָוונט פון דער אזכרה.

# לזכור נעדרים / מתתיהו הורן, מזכיר ארגון יוצאי לובלין בישראל

בשנה האחרונה נפטרו רבים מבני לובלין בארץ ובחוץ־לארץ. לצערנו, אין ברשותנו רשימה מלאה מאלה שהלכו לעולמם — והפעם נסתפק בדברי הספד קצרים או בהזכרת שמותיהם של כמה נפטרים, מחוסר נתונים ביוגרפיים או ידיעות נרחבות על חייהם בלובלין ומחוצה לה.

בכדי למנוע דברים כאלה, אנו מבקשים מבני עירנו להודיע לועד הארגון יוצאי לובלין בישראל על פטירתם של קרוביהם, בצירוף תמונה ופרטים ביוגרפיים. אם נזכה בשנה הבאה להוציא לאור „קול לובלין" מס' 4 — נפרסם רשימה מלאה מבני עירנו שנפטרו.

עם יתר המשפחות שקרוביהם לא נכללו במדור „לזכור נעדרים" — הסליחה. רק אי־ידיעה גרמה לעיוות זה.



## ר' יהושע־השיל שפירא ז"ל

כאחד המייסדים הראשונים של הבית"ר בלובלין, חרף גילו, זכה להשפיע בהתלהבותו החסידית על התפתחות התנועה הלאומית. כל ימיו של ר' השלי קודש היו לבית"ר.

הוא היה „האדמו"ר" של התנועה הנ"ל בלובלין והסביבה. ללא לאות טרח וטלטל עצמו מעיירה לעיירה כדי לדבריו היוצאים מהלב יהדרו ללבות צעירים וקשישים והשאירו רישומם על מאזיניו.

אביו, רב ידוע בלובלין, קיווה שבנו יתמיד בדרך שקבע לו; כנושא כתר רבנות בישראל. אולם ר' השלי בחר לו דרך אחרת.

הטיף לגאולה ובשנת 1935 עלה עם רעיתו ארצה. בבואו ארצה לא הטריד את המוסדות בדאגות הפרנסה. כמורה לתנ"ך ומגיד „דף היומי" מצא את מחייתו. הרבה לחבר חיבורים. למד אספרנטו בכוחות עצמו והאמין ששפה זו תשמש אמצעי קישור בין העמים. מאושר היה האיש. פעיל היה בימי מלחמת המחתרת על כל שלביה.

הוא זכה לראות בגאולת ישראל ובשחרור ירושלים. רבן „צדיק" — כבן 90 היה במותו.

רעיו, תלמידיו מיוצאי לובלין יזכרו את ר' השלי בכבוד ובהערצה.

| | |
|---|---|
| מר | אופטובסקי ז"ל מתל־אביב |
| מר | שייביץ' ז"ל מבית־דגון |
| מר | שייר ז"ל מחולון |
| מר | טורקלטאוב ז"ל מתל־אביב |
| גב' | קליינמאן ז"ל מתל־אביב |
| מר | בס ז"ל מתל־אביב |

## אברהם צבי מייזלס בן אברהם ז"ל



נולד בשנת 1900 בעיר לובלין. עלה ארצה בשנת 1936 דרך תנועת הפועל המזרחי בה היה פעיל במשך כל שנות חייו.

בהגיעו ארצה השאיר את אשתו ושני ילדיו בלובלין. התחיל לעבוד בכל מיני עבודות בכל הארץ וגם כפועל בנמל ת"א.

כעבור שנתיים העביר את משפחתו לא"י. בשנת 1940 התקבל כגובה בקק"ל וקרן היסוד במחלקת עניני הדת.

בין היתר היה פעיל בתנועת הפועל המזרחי ובארגון יוצאי לובלין. היה כותב בעתון „הצופה" ובשבועון מזרחי „במישור" לספרות ולשאלות הזמן.

ב־10 השנים אחרונות היה גבאי בבית הכנסת ע"ש קנטרוביץ ברח' יעל 5 בת"א. היה גם פעיל בקופת גמילות־חסדים.

נפטר בל' כסליו תשכ"ט (21.12.68).



## בר־דני גרשון בן דניאל (זינגר)

נולד בשנת 1904 בלובלין. עלה ארצה ב־1932, מיד הצטרף לשורות ההגנה וכעבור תקופה קצרה הגיע לתפקיד בפרקליטות מחוז ת"א ובסוכנות היהודית.

ב־1.2.1951 התקבל לעבוד כפקיד בועד עובדי חברת החשמל לישראל. בין יתר פעולותיו אפשר לציין את חברותו ופעילותו במשך שנים רבות בועד ארגון יוצאי לובלין בישראל.

בחודש יוני 1962 יצאה אשתו את הארץ במטוס „אל־על" במגמה לבקר קרובי משפחה בצרפת. כשעברו בשמי בולגריה נפגע המטוס והתרסק. אשתו ברטה היתה בין הנספים. סבלו של גרשון היה רב והוא לא מצא לו נחמה. התחיל להחלות וב־31.10.67 פרש גרשון לגמלאות.

נפטר ביום ד' כ"ב באדר תש"ל (12.3.1969). יהיה זכרו ברוך.

## שמואל מלמן ז"ל

איש ישר היה ונוח לבריות. אף פעם לא התרגז. תמיד עם החיוך מוכן לשמוע ולליישר הידורים. בהירכיה הבית"רית עבר את כל שלבי הפיקוד, עד הגיעו לדרגת מפקד בקן בית"ר בלובלין. נולד ב־1912.

בסוף 1933 עלה לארץ ומוסדות התנועה ידעו לשלבו לשורות המחתרת. איש נאמן היה ובידיו הנאמנות הופקדו מחסני נשק לרוב. זמן מה התגייס לנוטרות, רכש עמדה וידע שנולדו ע"י המחתרת במלחמה נגד הקלגסים הבריטיים.

הוא סימל את הטוהר והיושר, לכן כיבדוהו כולם ואהבוהו.

ידענו על מחלת הלב שתקפה אותו. האמנו שיתגבר ויחלץ לחיים טובים וארוכים. ואמנם הצליח לא פעם להתגבר.

נפטר ב־11 לאוגוסט 1968.

אנו לעד נזכור אותך.



## גולדברג צבי, בן שאול ז״ל

נולד ב־17.2.1917 בעיר לובלין. עלה ארצה בשנת 1939 ומיד נכנס לקיבוץ גבעת חיים. ב 1948 התגייס למשטרה בתור נוטר — עד שנת 1953 — ומאז עבד בכל מיני עבודות, עד שהתקבל בתור שרברב בסולל־בונה. בשנת 1954 התחיל לעבוד בחברת החשמל בראשון לציון בתור גובה.

הגורל התאכזר אליו מאד.

לפני 19 שנה נהרגה אשתו בתאונת דרכים בזמן נסיעתה מראשון לציון לת״א והשאירה שני ילדים קטנים יוסף וורדה ומאז נשאר אלמן. לפני 8 חודשים בערך התחיל ללמוד נהגות ובזמן נהיגה קיבל התקפת לב ונפטר בתוך המכונית ביום כ״ד באדר תשכ״ט לנצח.



## קסלברנר בן צבי ז״ל

נולד בשנת 1903 בלובלין, עלה ארצה בשנת 1933. התחיל לעבוד כקבלן (עם סוס) בחברת החשמל במשך 16 שנה — ואח״כ עבד כפועל בניין.

ביום 1.12.61 פרש סנדר לגימלאות ומאז התחיל לחלות.

נפטר ביום ראשון ל׳ בתשרי תש״ל — 12.10.69.

יהיה זכרו ברוך.

## אברהם זאבוסקי ז״ל

חצי שנה עברה מאז נפטר בבית־החולים בצפת בן עירנו אברהם זאבוסקי. בן 60 היה במותו.

נולד בלובלין, למד בבית־ספר תיכון, אח״כ עבד כפועל דפוס. הקים חוג צמחונים (״וו.ט־ריאַנים״ בלע״ז) מתוך גישה הומנית גרידא — לא לפגוע בבעל־חי. הצטרף לנוער הקומו־ניסטי בלובלין. ב־1932, כשהמשטרה החשאית עלתה על עקבותיו, היגר עם חברתו מלכה לבראזיל. שם הקים משפחה — שתי בנות ובן. אחר מיבצע סיני, חרף התנגדותה של אשתו (השניה) עלה ארצה והשתקע בקי־בוץ כפר סאלד.

בשנים האחרונות נתערערה בריאותו והרבה זמן היה רתוק למיטת חוליו. השאיר אשה ובת (בבראזיל) ובן בקיבוץ (כפר סאלד).

(ש. ש.)



## פלה זאקרויצ׳יק־לוינסון ז״ל

נולדה בלובלין ב־1920, שם סיימה את ״הגימנסיה ההומנית והיתה מעורה בחוגי האינ־טליגנציה היהודית בעיר.

בשנת 1942, כמעט ברגע האחרון לפני חי־סולו של הגיטו בלובלין, הצליחה להתחמק מצפורני הנאצים. השיגה תעודות מזוייפות כפולניה ומצאה מפלט בוורשה. בתקופה מסו־יימת הבריחה משם נשק עבור המחתרת האנ־טי־גרמנית בלובלין. כשנאלצה לעזוב את וור־שה, הצליחה לנכוע כפועלת לגרמניה. שם הגיסטפו גילתה את יהדותה, אסרו אותה ונשלחה למחנה המוות אוישוויץ. למרות העי־נויים והסבל שעברו עליה — רוחה לא נשברה וזכתה לשחרור.

אחר השחרור, חזרה ללובלין וכעבור זמן עלתה לארץ כיסופיה — ישראל.

ב־1 באוקטובר 1969 נפטרה אחרי מחלה ממארת. השאירה בעל (מארק זאקרויצ׳ק) ובן, סטודנט למשפטים.

(א. ל.)



## נתן שטיינמן ז״ל

יליד לובלין, מהמפקדים הבחירים של תנועת בית״ר.

בשנת 1925 יצר את הגרעין הראשון שנקרא מהתחלה „השחר״. באותה תקופה מבקר ז. ז׳בוטינסקי בלובלין. היה זה יומו הגדול של נתן שטיינמן אשר עמל ותכנן כמבצע צבאי את ביקורו הראשון של ז׳בו־טינסקי.

שטיינמן הצליח לארגן את הקורס הצבאי הראשון תחת הנהלתו ובהשתתפותו הפעילה של קצינים פולניים כמרצים ומדריכים.

בסוף שנת 1933 עלה שטיינמן ארצה. דרכו לא היתה סוגה בשושנים.

נוסף לאהבת המולדת היתה לו אהבה נו־ספת: אוסף בולים. ובתערוכת הבולים הלאו־מית בירושלים השלמה בא׳ הול המועד סוכות ביום 8 באוקטובר 1968, ראה בפעם אחרונה את עושרו הרב הטמון בבול הזעיר.

בין בוליו בתוך התערוכה מצא את מותו. ידידיו והניכיו ישאו את זכרו לנצח.

## שלמה מרכבין ז״ל

(בן צשה ושמשון)

בגיל 20 עזבת אותנו לעולם. אציל נפש, צנוע בהליכותיו ולבו מלא שאיפות ותוכניות. אכזריות הגורל סיכלה את כל תכניותך.



מתמטיקה פיזיקה, קולנוע. היית מציע לו אחד מנושאים אלה, ולא הרפה עד שלא פתר בעיה קלה כמסובכת. שמחות של אדם צעיר עיסוקים שונים ופעילות מגוונת.

למד הנדסת חשמל. אך מלגת הלימודים

שהוענקה לו לפני זמן קצר נותרה מיותמת, הוא לא ישתמש בה.

חדרו הסטודנטיאלי בחיפה הוחלף ברגבי עפר תחוחים.

שלמה שלנו, החבר, הידיד הצוחק והמתפלמס.

בבית הספר התיכון זכה פעמיים בפרסי לימודים. תמוה, אך לא במאמץ עלו לו לימודיו. תמיד מצא פנאי לעיסוקים אחרים.

בקיץ האחרון עבר קורס מכי"ם בהצלחה לא מבוטלת. מפקדו שנפגע, הותיר לו הרבה עצב חרישי, כזה ששותקים אותו.

ועכשיו רק המלים נותרו. והן לעולם לא תאמרנה את מה שראוי להיאמר. המלים מחווירות למול המעשים. מעשים שלא יעשו עוד, חיים צעירים שהחלו באביב ובו אף נקטפו.

יהי זכרו ברוך.

## אינג' סלים צוקרמן (צלינסקי)

נפטר ב־27 לאוקטובר, בגיל 65, אחרי מחלה ממארת. נולד בלובלין. סיים בית־ספר תיכון והמשיך את לימודיו באוניברסיטה בגרנובל (צרפת). קיבל תואר מהנדס. בזמן המלחמה היה ברוסיה. אחרי המלחמה חזר לפולין ושירת בצבא הפולני.

היה מעורה בחוגי האינטליגנציה היהודית בלובלין. ספורטאי מעולה. היה גם פעיל ב„ברית החייל".

לפני שבע שנים עלה לישראל. לפני שנים חלה ולא התאושש עד יום מותו.

(א. ל.)

**על שינוי הכתובת**

נא להודיע לנו
בערב האזכרה.

המזכירות

## געשטאָרבן חבר לייב לערער

פון מאָנטרעאַל (קאַנאַדע) איז געקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז חבר לייב לערער איז דאָרט געשטאָרבן אין עלטער פון 81 יאָר.

חבר ל. לערער איז געבוירן געוואָרן אין לענטשנע, אַ קליין שטעטל לעבן לובלין, ביי פרומע, נישט פאַרמעגלעכע עלטערן, נאָך אַלס קינד ווערט ער פאַריתומט און מוז אָנהויבן זיך אַליין דערנערן.

ער פאָרט אין לובלין, ווערט אַ שלאָסער־אַרבעטער, שליסט זיך אָן יונגערהייט אין די רייען פון „בונד" און ווערט גאָר גיך איינער פון די אַקטיווע טוער, פירט אָן מיט שטרייקן, אָרגאַניזירט בונדישע זעלבסטשוץ־גרופּן. זיין טעמפּעראַמענטפולע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט דערפירט אים צו אומצאָליקע אַרעסטן, צו פאַרשיקונג אויף סיביר.

אין דער צייט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, איז ער איינער פון די אָנגעזעענע בונדישע טוער אין לובלין, שטייט אין דער שפּיץ פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, ווערט אויך געוויילט אויף דער בונדישער ליסטע אַלס איר פאַרטרעטער אין קהילה.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך אין זיין נע־ונד וועג פאַרהאַלטן אין אוזבעקישן פערגאַנאַ, און אויך דאָרט האָט ער, אַליין אַ הונגעריקער, זיך געטיילט מיט זיין אָרעמען ביסן מיט זיינע חברים לאַנדסלייט, וואָס דער גורל האָט זיי דאָרט אַהין פאַרטראָגן.

נאָכן סוף פון דער מלחמה, ווען ער האָט צוליב דעם דיקטאַטאָרישן רעזשים פאַרלאָזן פוילן, איז ער אַ געוויסע צייט געווען אין פּאַריז, ווו ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער בונדישער טעטיקייט און האָט אַרויסגערופן צו זיך אַ גוואַלדיקע ליבע.

פון פּאַריז איז ער געפאָרן קיין מאָנטרעאַל און אויך דאָרט זיך געווידמעט דער בונדישער טעטיקייט. ניט קוקנדיק אויף זיין פיזישן צושטאַנד און אויף זיין טיפן עלטער — איז ער כמעט ביז דעם לעצטן מאָמענט געבליבן ווי אַ טרייער סאָלדאַט אויף דער בונדישער פּאָזיציע.

## דערשינען „זאַלץ און שוועבל" פון אַננאַ לאַנגפוס

אין י. ל. פרץ פאַרלאַג אין תל־אביב איז מיט אַ צייט צוריק דערשינען דאָס בוך פון אַננאַ לאַנגפוס „זאַלץ און שוועבל"

די שרייבערין אַ געבוירענע אין לובלין, האָט דורכגעמאַכט וואַרשעווער געטאָ, אונטערערד, געסטאַפּאָ. איר גאַנצע משפחה און איר מאַן זענען אומגעקומען. פון 1946 האָט זי געוווינט אין פראַנקרייך.

אין 1956 האָט מען געשפּילט איר פּיעסע „די קרעציקע". שפּעטער נאָך אַנדערע פּיעסן. דער ערשטער ראָמאַן אירער „זאַלץ און שוועבל" האָט זי פאַרעפנטלעכט אין 1960 און באַקומען דעם שאַרל וועיאָן־פּרייז פון שווייץ. פאַרן ראָמאַן „דער באַגאַזש פון זאַמד" האָט זי באַקומען דעם באַרימטן פראַנצויזישן גאָנקור־פּרייז.

דעם 12טן מאַי 1966 איז אַננאַ לאַנגפוס געשטאָרבן.

„אַרבעטער־היים" אין פּאַריז האָט צוזאַמען מיט די לובלינער לאַנדסלייט זיך באַמיט אַז דער ראָמאַן „זאַלץ און שוועבל" זאָל דערשיינען אין אַ יידישער איבערזעצונג. — די איבערזעצונג האָט געמאַכט בארווין פרענקעל.

דער ראָמאַן שילדערט אין אַ האַלב אויטאָביאָגראַפישער פאָרעם די שווערע יאָרן פון ליידן וואָס זי האָט דורכגעמאַכט. עס איז נישט קיין „מוראדיקע" געשיכטע, נאָר אַ דערציילונג וועגן די איבערלעבונגען פון יענער צייט, געשריבן אין אַ שפּאַנענדיקער און הויך־קינסטלערישער פאָרעם. דאָס איז נישט בלויז אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין דער חורבן־ליטעראַטור, נאָר אַן ערנסט־קינסטלערישער ראָמאַן וואָס האָט מיט רעכט פאַרדינט זיין אָנערקענונג און לויב.

## נייע עולים, לובלינער געקומען פון פוילן קיין ישראל אין די לעצטע 18 חדשים

1. לעפלער עמקא.
2. דאָרפמאַן חיים מיט זיין פרוי און צוויי טעכטער מיט קינדער.
3. לענקעוויטש־הערץ מאַקס מיט זיין זון.
4. געצמאַן־יאַוואָרסקי קאַראָל מיט זיין פרוי און צוויי טעכטער.
5. הערץ דב מיט זיין פרוי און קינדער.
6. לאַנגפוס־לאסוצקי שמעון מיט זיין פרוי און קינדער.
7. סלושני יהושע, זיין פרוי פעליציאַ (געב. שטערנפינקעל) און טאָכטער.
8. קוואַשניאַק־זילבערשטיין פאַולינע מיט צוויי קינדער.
9. אוריך־פרידמאַן סטעפאַניאַ און זון.
10. בורקשטיין־קרוסמאַן חוה מיטן מאַן און קינד.
11. גורפינקל רפאל מיט זיין פרוי און קינדער.
12. מענדעלסאָן.
13. קופערבערג יעקב.
14. אהרון דאַווידסאָן.
15. ציגעלמאַן משה און חייה.
16. גלאָסוויין לעוו מיט זיין פרוי און צוויי זין.

# פאַרוואָס בין איך נישט געקומען צום לובלינער באַל?

**פעליעטאָן פון א. זאַמדער**

גרויס איז געווען מיין פרייד, ווען כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז לכבוד דעם יום העצמאות, וועט אין תל־אביב פאָרקומען אַ באַל פון די לובלינער. כ׳האָב זיך דערמאָנט אין אַן אַמאָליקן מאַסקן־באַל אין „קאָרסאָ״, צי אַ פאַרוויילונג אין דער „סטאָוואַזשישעניע״ אויף לובאַרטאָווסקע 24, אָדער דער בלוי־ווייסער באַל אין „הזמיר״, אַ „טאַנצוווקע״ אין דער קולטור־ליגע, אַ ל״ג בעומר פייערונג אויפן הויף שעווסקע 3, אַ קעסטל־אָוונט אויף רינעק 10, צי אַ באַנקעט נאָך אַ געוווּנענעם מעטש אויף קרולעווסקע 3, אין „הפועל״.

איר געדענקט דאָך אַוודאי דעם פוילישן יום־טוב מיט אַזאַ שווערן, גוייִשן נאָמען „שוויענטאָ ניעפּאָדלעגלאָשטשי״. להבדיל — יום העצמאות. נישט נאָר אונדזערע געשעפטן און וואַרשטאַטן זענען געווען פאַרמאַכט — נאָר אויך די יידישע הערצער. דאָס זעלבע — אין טאָג פון דער „קאָנסטיטוציע טזשעטשעגאָ מאַיאַ״ צי אין „באָזשע טשאַלאָ״. איי, האָט מען אונדז, פוילישע יידן, מקנא געווען מיט דער גרויסער צאָל יום־טובים — קריסטלעכע און יידישע, נאַציאָנאַלע און מלוכהשע, שבתים און זונטיקס. אָבער וואָס פאַראַ ווערט האָבן די אַלע חגאות, להבדיל, אַנטקעגן איין יום העצמאות אונדזערן, אין דער אייגענער, יידישער מדינה.

אַלזאָ, דערהערט אַז עס קומט פאָר אַ באַל פון די לובלינער, בין איך אַוועק צום קאָמיטעט נעמען אַ ביסל בילעטן צום פאַרשפּרייטן.

און איצט הערט מיט קאָפּ ווי אַזוי און וועמען איך האָב אָנגעשטופּט אַ 20 בילעטן צום לובלינער באַל — און וויפל נערוון און געזונט דאָס האָט מיך געקאָסט, אַז איך מוז איצט ליגן אין בעט...

די ערשטע וויזיט האָב איך געמאַכט ביי מיינעם אַ שולחבר. אויף מיין העברעישן „שלום״ און יידישן „צי זלמן איז אין דער היים?״ — ענטפערט מיר די פרוי:

— מה איכפת לי הלובלינאים? ומה פתאום נשף? צאָ טאָ — זיאָמקאָסטוואָ זמאַרטוויכווסטאַלאָ? למה אתם לא שולחים לנו הזמנות לאזכרה? יאַ ניע אידען נאַ באַל.. אם בעלי ירצה — בבקשה!

איך האַלט זי ביים וואָרט און לאָז איבער פאַרן מאַן אַן איינצל־בילעט, אויף קרעדיט.

אַ צופרידענער פון אַזאַ אָנהייב, פאָר איך קיין חולון צו מיינער אַ קוזינע (זי האָט געוווינט אין טשעכיוו). זי איז גראָד יאָ צופרידן, וואָס די לובלינער האָבן זיך דערמאָנט צו מאַכן אַ באַל, נאָר אין דעם אָוונט האָט זי אַ מסיבה ביי די קראַסניסטאַווער און איר פּאַסט נישט אָפּצוזאָגן, ווייל מיט יענער חברה שפּילט זי קאָרטן יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס...

פאָר איך פון דאָרט צו מיינער אַ פריינדין, נאָך פון זאַקסישן גאָרטן, היינט — תל־אביבער גבירים.

— זעץ זיך, אברהמל — זאָגט זי מיר. — גיין אויפן נשף? מיין מאַן איז נישט קיין גייער אויף אַזעלכע זאַכן. כאָטש אויפן באַל פון די וואַרשעווער אין „הילטאָן״ איז ער יאָ געווען, אַ דיסקאָטעק באַזוכט ער גערן. נאָר פאַרברענגען צוזאַמען מיט אונדזעריקע — פון דעם האַלט ער נישט. נאָר אויך די אייגענע מעשה: לאָזט איבער אַ בילעט. אויב מיר וועלן נישט קומען אויפן באַל, טאָ זיי זיך מטריח נאָך דעם יום העצמאות און מיר וועלן דעם כרטיס אומקערן...

נאָך אַזאַ קבלת־פּנים ביי אייגענע, לובלינער, בין איך אַוועק צו מיינעם אַ שכן, וועלכער שטאַמט פון וולאָצלאַוועק, אַ געשווירענער טענצער — און ער האָט באַצאָלט פאַר 6 פּאָרלעך־בילעטן. איך פרעג אים צי פון די אַלע 12 מענטשן, איז כאָטש איינער פון לובלין, — ענטפערט ער „נעכטיקע טעג!״. — נאָר לובלין האָט ביי זיי אַ גוטן נאָמען. אויך פאַראַיאָרן האָבן זיי זיך גוט געוויילט אויף אונדזער באַל.

דערמוטיקט פון אַזאַ פּדיון, איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק אַרויסצולאָזן זיך פון אייגענע און אָנהייבן מיט נישט לובלינער. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר פון נאָך אַ שכן, ביידע סאַברעס בן סאַברעס — און ער קלערט נישט קיין סך:

— יאַללאַ, אנחנו לוקחים שני כרטיסים. נדמה לי, שאחד מן הפועלים שלנו הוא לובלינאי. אנו נביא אותו בכוח לנשף שלכם...

האָב איך אין מיין אַדרעסן־ביכל גענומען אויפזוכן נעמען פון קרובים, פריינד און באַקאַנטע, וועלכע שטאַמען פון פּשיטיק, לעווערטאָוו, בילגאָריי, אָדזשיוואָל, כאָראָסטקאָוו און דאָקשיץ. אַפילו דריי לאָדזשער משפחות אַנטדעקט און צוויי כעלעמער — און זיי אַלע האָבן מיר האַרציק באַדאַנקט וואָס די לובלינער באַזאָרגן זיי מיט אַ באַל אין דער נאַכט פון יום העצמאות.

בקיצור — עס האָבן מיר אויסגעפעלט בילעטן. געלאָזט זיך ווידער צום קאָמיטעט און געטראָפן אין גאַס אַ געוועזענעם אַקטיוון טוער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, אַמאָליקער אָנגעזעענער עסקן אין דער אַלטער היים. האָט ער אַוועקגעלייגט פאַר מיר אַ בינטל טענות און מענות קעגן לובלינער מנהיגים און מינהגים, אַז טאַקע דעם יידס רייד האָבן מיך קראַנק געמאַכט. אַדרבה, הערט זיין לשון:

— וואָס עפּעס אַ נשף דווקא אין יום העצמאות — און ווו איז פּורים, חנוכה, צי פּסח שני? און ווער באַשטימט עס אַזעלכע הויכע פּרייזן? וואָסי, די לובלינער זענען מיליאָנערן? קוקט נאָר אָן דעם נייעם קאָמיטעט: וואָס איז זיי איינגעפאַלן צו באַשטימען אַלס סעקרעטאַר אַ ותיק, וועלכער איז שוין איבער 30 יאָר אין לאַנד? וואָס מ׳שטיינס געזאָגט וועט ער וועלן זאָרגן פאַר די נייע עולים? און קיין אַנדערן פאַרזיצער האָט איר זיך נישט געקענט אויסקלייבן — כאָטש אַ ביסל אַ העכערן מיט אַ פּאָר סענטימעטער? און דער וואָס האָט צוגעגרייט דעם באַל, ווי הייסט ער דאָרט דער אינזשיניער? וואָס ווייסט ער בכלל, אַז בסך־הכל 10 יאָר אין לאַנד? און ווער האָט דאָס געזען אַ קאַסירערין מיט אַ לייַדיקער קאַסע? דאָס איז נאָר צו געפינען ביי די לובלינער...

דער ייד איז גרייט געווען אַזוי קריטיקירן אַ גאַנצע נאַכט — און איך האָב מיט אַמאָל דערפילט קאָפּ־שווינדל. אַ האַלב טויטער בין איך פון אים אַוועק, זיך אַריינגעלייגט אין בעט.

טוט מיר ווי דאָס האַרץ וואָס כ׳בין נישט מיט אייך אויף דעם היינטיקן באַל — טאָ דערפילט כאָטש עטלעכע בקשות מיינע:

זעט, אַז די געסט פון אַנדערע שטעט וועלכע זענען געקומען זיך ווײַלן אויפן באַל, זאָלן זאָרגן דערפאַר, אַז די עטלעכע אָנוועזנדיקע לובלינער זאָלן זיך דאָרט פילן גוט, ווי אויף אַן אייגענער שמחה — און נישט ווי אורחים ביי פרעמדע. עס הייסט דאָך פאָרט נשף הלובלינאים...

**אַ האַרציקן דאַנק און טיפע אנערקענונג**

**אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן און יחידים**

**פאַר זייער הילף**

משה קאָרן (טאַשעמקאַ) — דייטשלאַנד
יוליוס און מערי גאָלדמאַן — לאָס אַנזשעלעס
ישראל אייזענבערג — לאָס אַנזשעלעס
גיטעלע שילדקרויט־עדעלשטיין — פּאַריז
אלתר זאַובערמאַן — פּאַריז
צפּורה און יוסף טענענבוים — ניו־יאָרק
סעם ברייטער — מאָנטרעאַל

# ארגון יוצאי לובלין בישראל — הועד המרכזי

**תל־אביב, דיזנגוף 158 (התאחדות עולי פולין)**


# הזמנה לאזכרה שנתית

# איינלאַדונג צו דער יערלעכער אזכרה

שתתקיים ביום רביעי 26.11.1969 (ט״ז כסלו תש״ל), בשעה 7.30 בערב ב„בית המלין״ בתל־אביב, רח׳ וייצמן 30 (ליד ככר המדינה).

**בתוכנית:**

**דברי פתיחה** — דוד שטוקפיש, **יו״ר הארגון**

**הדלקת ששת הנרות** — **מר** ישעיהו ויסברוט־הורביץ

**לזכר נעדרים** — מתתיהו הורן, **מ:כיר הארגון**

**אל מלא רחמים** — **החזן** י. סאַמק

**לובלין, עיר ואם בישראל** — **הרב** ידידיה פרנקל

**לזכר יהדות לובלין** — **תלמידי בי״ס „דרור״ בחיפה, שאימץ את קהילת לובלין:** עינת פלר, זאב גורה, חסדי מטרסו, יוסי יואב וחנה טאוב. **וגם תלמידי כיתה ז׳ של בי״ס עממי „נוה רסקו״ ברמת־השרון, עם המחנכת עדנה ברקי.**

**ה פ ס ק ה**

**דרישת שלום מלובלינאים בתפוצות** — עובדיה פלד, **חבר הועד**

**לובלין, 1969** — יעקב גורפינקל, **עולה חדש, סטודנט**

**תפקידים ובעיות הארגון** — **אינז׳** א. לסקובסקי, **חבר הנשיאות**

**וועלכע קומט פאָר מיטוואָך, דעם 26.11.69 (ט״ז כסלו תש״ל), 7.30 אָוונט אין „בית העמלין״, תל־אביב, רחוב ווייצמאַן 30 (ביים ככר המדינה).**

**אין פראָגראַם:**

**דערעפענונג** — דוד שטאָקפיש, **פאָרזיצער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט**

**אָנצינדן די זעקס ליכט** — ישעיהו ווייסבראָט־האָראָוויץ

**צום אָנדענק פון די פאַרשטאָרבענע** — מתתיהו האָרן, **סעקרעטאַר פון דער לאַנדסמאַנשאַפט**

**אל מלא רחמים** — **דער חזן** י. סאַמעק

**לובלין, די עיר ואם בישראל** — הרב ידידיה פרענקעל

**צום אָנדענק פון די לובלינער יידן** — **די שילערס פון דער פאָלקסשול „דרור״ אין חיפה, וועלכע האָט אַדאָפּטירט די יידישע קהילה אין לובלין און שילער פון דער פאָלקסשול „נוה רַסקו״ אין רמת־השרון, מיט דער לערערין עדנה ברקי.**

**איבערייס**

**אַ גרוס פון לובלינער אין די תפוצות** — עובדיה פעלד, **קאָמיטעט מיטגליד**

**לובלין, 1969** — יעקב גאָרפינקעל, **נייער עולה, סטודענט**

**אויפגאַבן און פּראָבלעמען פון דער לאַנדסמאַנשאַפט** — **אינזש׳** א. לאַסקאָווסקי, **פּרעזידיום־מיטגליד**

**האולם פתוח משעה 6 בערב** ● **דער זאַל איז אָפן פון 6 אָוונט**

teatrnn.pl